דאָס פּערסאָנאַל באַשטייט (לויטן א׳ב) פֿון:

מענער: יחיאל גאָלדשמידט, מישע גערמאַן, י. האָניגמאַן, מוני ווזענפֿריינד, גרשון רובין, יוסף שוואַרצבערג, משה שטראַסבערג, מאַרק שווייד און מאָריס שוואַרץ.

פֿרויען: בינע אַבראַמאָוויטש, חנה אַפּעל, בערטאַ גערסטען, בעטי מאָגולעסקאַ.

## „אַנדערש״

דער סעזאָן ווערט געעפֿנט דעם 23 סעפּטעמבער 1922 א׳ר פֿון מאָריס שוואַרץ מיט דער דראַמע „אַנדערש״ פֿון ה. לייוויק.

ל. ס. ביעלי שרייבט:

**מאָרים שוואַרץ אין זיינע זכרונות שרייבט וועגן אנדערש:**

„צוליב דעם גרויסן ערפֿאָלג פֿון לייוויקס „שמאַטעס״ האָב איך באַשלאָסן אָנצוהייבן דעם נייעם סעזאָן 1923 מיט זיינער אַ נייער פּיעסע וועגן דער [ערשטער] וועלט־מלחמה, „אַנדערש״. די טעמע איז געווען אינטערעסאַנט, אָבער צו רעאַליסטיש. מענטשן האָבן זיך ניט געוואָלט דערמאָנען אין דער צייט, וואָס האָט געקאָסט אַזויפֿיל בלוט און טרערן. מען האָט געוואָלט פֿאַר־געסן די מלחמה. די פּיעסע איז, דעם אמת געזאָגט, געווען מער אידעע ווי פּיעסע. אָבער דאָך האָט זי, טראָץ אירע שווערע פּונקטן, פֿאַרמאָגט אין זיך אַן אידעע, וועלכע איז פֿאַראַן אין אַלע לייוויקס ווערק.

דער עולם איז ניט געקומען, און אַז אַ פּיעסע גייט ניט, פֿאַרקוקט מען שוין דאָס גוטע שפּילן פֿון די אַקטיאָרן, און ווען די אַקטיאָרן דערפֿילן, אַז אַ פּיעסע וועט ניט ברענגען קיין עולם, שטאַרבט שוין די פּיעסע אונטער זייערע הענט, ווייל דער אַק־טיאָר אין אַמעריקע ליגט אונטערן קנאַפּל פֿון דעם טעאַטער־באַזוכער. קומט מען אין טעאַטער, וועט זיין אויף דירה־געלט, אַ מלבוש פֿאַר אַ קינד. קומט מען ניט, איז עס „עבודה לבטלה״ [אומזיסט אַרבעטן]. אַרויסגעוואָרפֿן יעדע רגע.

„די מלחמה האָט געגעבן מאַטעריאַל פֿאַר טויזנטער ווערק אויף אַלע געביטן פֿון דער ליטעראַטור און דער מאַטעריאַל איז נאָך וואַרשיינלעך ניט אויסגעשעפּט, ווייל גרויסע פּאַסירונגען ווערן ערשט ריכטיק אָפּגעשאַצט גאַנץ אָפּט אַ צייט נאָכדעם ווי זיי האָבן געטראָפֿן. די נייע ווערק דאַרפֿן אָבער אַלע מאָל וואַרפֿן נייע שטריכן אָדער נייע פּירושים, נייע באַלייכטונגען אויף די פּאַסי־רונגען, ווען ניט, זיינען זיי ווידערהאָלונגען. אונדזער ייִדישע ליטעראַטור האָט אויך צוגעקראָגן ניט קיין ביסל מלחמה־ביכער.



אַ יידישע מלחמה־דראַמע איז אָבער אַ דבר חדש [נייע זאַך], און אָבוואָל אַ יידישע מלחמה־דראַמע וואָלט באַקומען יעצט אַ האַרציקן אָפּקלאַנג אין אוקראַינע, עסטרייך אָדער דייטשלאַנד, ווייל דאָרט פילט מען נאָך פולשטענדיק די מלחמה, איז זיכער כדאי צו באַגריסן דאָס ווערק „אַנדערש״, וואָס ווערט יעצט גע־שפּילט אינם „קונסט־טעאַטער״, אַלס ערשטע אָריגינעלע דראַמע פון די איבערלעבונגען פון אַ יידיש־אַמעריקאַנעם מלחמה־העלד און זיין קרייז.

אַן אינטענסיווע לעקציאָן אין מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע באַקומט דער צושויער פון די פינף אַקטן „אַנדערש״. די גאַנצע אַנטוישונג פון דער מלחמה ווערט דורכגעלעבט אין די פּאָר שטונדן וואָס מען באַאָבאַכטעט די נייע פּיעסע ביי שוואַרצן אין טעאַטער. צענדליקער געדאַנקן־בליצן, פונקן סאַטירע שפּיגלען זיך פאַר אייך אָפּ. אַלע נייע טעאָריען, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגעבראַכט, ווערן באַרירט. איר באַקומט בילדער און בילד־לעך, וואָס וועלן איינגעקריצט ווערן אין אייער געדאַנק אויף אייביק. דער פּערסאָנאַל, וואָס פירט אויף די פּיעסע, איז בעסער ווי געוווּנטשן. מען זעט עכטן טאַלענט, אונערמידלעכן פלייס אין יעדן שטריך. אַלעס איז פולשטענדיק, אָריגינעל, נאָך ווירק־לעך ניט געזען אויף אונדזער יידישער בינע, און דערפאַר איז אַ צווייפל אויב דיזע פּיעסע וועט האָבן דעם געווינטשן ערפאָלג, דעם ערפאָלג, וואָס דאַרף קרוינען אַזאַ ערנסטע דראַמע. דער חסרון איז אייגנטלעך ניט אין דעם ווערק גופא, נאָר אינם געבוי. עס פעלט אַ קלימאַקס. דער עולם דערוויסט זיך אַלעס ביים ערשטן אַקט, וועלכער איז טאַקע דאַרום דער איינדרוקספולסטער און דער שענסטער פון אַלע אַקטן.

גלייך אין אָנפאַנג דערוויסן מיר זיך, אַז מאַרקוס (מאָריס שוואַרץ) איז צוריקגעקומען פון מלחמה אַ „געזונטער״ נאָכדעם ווי ער איז צוויי יאָר געלעגן אין אַ האָספּיטאַל און זיינע אייגענע האָבן אורזאַכן מורא צו האָבן, אַז ער איז עפּעס ניט מיט אַלעמען גייסטיק. די סיורפּרייז־פּאַרטי וואָס זיין ליבנדע פרוי מאַכט אים צוליב זיין אָנקומען, מאַכט אויף אים אַ מאָדנעם איינדרוק. ער זוכט אַ פאַרענדערונג אין אַלעס און ער געפינט אַלעס פונקט אַזוי ווי ער האָט עס פאַרלאָזן. ער האָט געמיינט, אַז אַלעס וועט זיין אַנדערש, און ער טרעפט דאָסזעלבע הויז, דיזעלבע ווייב, דעם זעלבן אָנקל, דעם זעלבן סטאָר, דעם זעלבן פאַרטנער, די זעלבע אומשטאַנדן א.א.וו.

ווען ער האָט געשאָסן אויפן שלאַכטפעלד, האָט ער געמיינט, אַז די וועלט קערט זיך איבער. ווען ער האָט געוויקט זיינע הענד און פיס אין בלוט, ווען ער איז געפרעסן געוואָרן פון די שרצים אין די טרענטשעס, ווען ער האָט געאָטעמט גאַז אָנשטאָט לופט, און האָט געזען פאַר זיך נאָר רויך, לייבער אין שמוץ, האָט ער געדענקט, אַז אויב ער וועט ווען עס איז זען די וועלט, וועט ער זען אַן אַנדערע וועלט, וועט זיין אַלעס אַנדערש. און די אַנטוישונג ברעכט אים גייסטיק. ער זעט, אַז אַלעס איז ווי געווען.

אַלע ווייטערע אַקטן זיינען בלויז באַשטעטיקונגען אויף אַלעס וואָס מען פאַרדעכטיקט און וואָס מען זעט פונם ערשטן טאָג פון זיין אָנקומען,

וועלכעס ווערט אָפּגעשטעלט אינם ערשטן אַקט. אין די ווייטערע סצענעס זעען מיר אים ווידער אינם סטאָר צוזאַמען מיט זיין פּאַרטנער לוריע (מישאַ גערמאַן) און מיר זעען נייע באַווייזן, אַז ער איז ניט נאָרמאַל ביז מיר איבערצייגן זיך אין דעם פולשטענדיק ווען ער צינדט אָן זיין סטאָר אינם לעצטן אַקט. די מלחמה האָט אים אינגאַנצן ערשיטערט, דערשלאָגן. אַלעס איז ביי אים אומוויכטיק. ער זעט ניט איין וואַרום מען מוז נעמען נאָר צוויי דאָלאַר פאַר אַ צוויידאָלאַרדיקע העמד, און מען קאָן ניט אַוועקגעבן אָן געלט אַ פּאָר שיך צו אַן איטאַליענער, וואָס נייטיקט זיך אין זיי. ער זעט ניט איין וואַרום מען דאַרף באַצאָלן דעם פּאַרטנער פאַר זיין העלפט חלק מער ווי דער פּאַרטנער האָט אים אויסגעצאָלט אין אָנפאַנג מלחמה, ווען דער סטאָק [לאַגער פון סחורה] איז געווען ביליקער און קלענער. ער קאָן ניט פאַרשטיין וואַרום דער עולם אויפן קאָרנער [עק גאַס] פּאָליטישן מיטינג וויל אים קוים אויסהערן און קאָן אים ניט פאַרשטיין. מען זעט, אַז עס וואַרגט אים עפּעס, עס שטייט אים עטוואָס אין האַלדז, נאָר קיינער פאַרשטייט אים ניט.

מיט איין וואָרט, דער פאַרפאַסער ה. לייוויק האָט פאַר אונדז פאָרגעשטעלט אַ טיפּ פון „שעל־שאָקד" [פון אַ קויל־געטראָפענעם] יידישן מלחמה־העלד, אַזעלכן וועלכן די מלחמה האָט אויף אייביק געמאַכט פאַר אַ גייסטיקן צעבראָכענעם שאַרבן. דער טיפּ איז גאַנץ פולקום און אויסגעהאַלטן. דער „פּלאַט" איז אָבער אַ ביסל צו קליין פאַר אַ גאַנצער פּיעסע. די פּיעסע „אַנדערש" מיט איר יעצטיקער טעכנישער קאָנסטרוקציע וואָלט דאַרום געווען פּאַסיקער און אַמוזירנדער אין בוך־פאָרם ווי אויף דער בינע [גראָד איז דידאָזיקע פּיעסע קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן].

איניקע פון די אַקטיאָרן שטעלן פאַר טיפּן, וואָס זיינען פולקום און ריכטיק, ניט ווייניקער ווי דער הויפּט־כאַראַקטער פון מאַרקוס. אַזוי איז ה' ווייזענפריינד אַלס אַ סעילאָר [מאַטראָז], מאַרקוסעס אַ קאָלעגע. דאָס איז אויך אַ שטיקל חושימניק, אָבער אַ לעבעדיקערער. נאָך דער מלחמה האָט ער איינגעזען, אַז ער הייסט ניט איזידאָר, נאָר יצחק בן אשר הכהן, אויך אַ קרבן פון דער מלחמה, אַ פאַרביטערטע נשמה, האַלב שכורלעך, האַלב פילאָזאָפיש, אַ טשיקאַווער און אינטערעסאַנטער טיפּ. בינע אַבראַמאָוויטש אַלס מאַרקוסעס מוטער און בערטאַ גערסטען אַלס זיין ווייב פירן דורך זייערע ראָלן נאָר ווי אַזעלכע באַגאַבטע קינסטלערינס קאָנען עס. וואָס פאַרע איינדרוק אַזאַ זון און מאַן מאַכט אויף זיי, איז לייכט צו פאַרשטיין, און זייערע פריילעכע מאָמענטן אין ערשטן אַקט און אין די טרויעריקע מאָמענטן אין די שפּעטערדיקע אַקטן, גיבן זיי איבער זייערע געפילן צום פובליקום ווי נאָר גרויסע קינסטלער קאָנען. דער אַקטיאָר גרשון רובין איז אַ גאַסט אינם „קונסט־טעאַטער". ער שפּילט די ראָלע פון מאַרקוסעס אַ רייכן אָנקל, אַ פּשוטער ביזנעסמאַן, וואָס האָט געמאַכט פיל געלט און האָט אַ גוטע האַרץ און אַ פּראָסטע לאָגיקע, אַז נאָך דער מלחמה דאַרף אַלעס קומען צו „נאָרמאַליסי" [נאָרמאַליטעט]. דיזער טיפּ איז אַמוזירנד און נאַטור־טריי ביז גאָר. רובין שטעלט פאַר אַ לעבעדיקן אָנקל, אַ רעגולערער אָנקל פון די אָנקלס, וואָס מיר זיינען געוווינט פיל וועגן זיי צו לעזן און צו טרוימען. ער שטעלט מיט זיך פאַר אַ מענטשן מיט אַ געזונטן נאָרמאַלן פאַרשטאַנד אין קעגנזאַץ צו מאַרקוסן, וועלכער דענקט ווי אַלע משוגעים, אַז נאָר ער ווייסט אַלעס און ווייסט בעסער, און די גאַנצע וועלט איז „לא עליכמדיק".

שטראַלן פון ליכטיקן זונען־שיין ברענגט אַריין מאַדאַם אַננאַ אַפּעל אין איר ראָלע אַלס אַן איטאַליענישע קאָסטאָמערקע [קונה] אין דעם סטאָר פון מאַרקוס און לוריע. אַז זי איז אַ וווּנדערבאַרע



ניגערטע האָבן מיר געזען אין „בראָנקס עקספּרעס", אַז זי איז אַ העכסט עלעגאַנטע אַריסטאָקראַטקע האָבן מיר געזען אינם „אייביקן יידן". אַלס סקאַרבאָווע יידענע, פול מיט יידישן חן, האָבן מיר זי געזען אין די „קאָנקורענטן", יעצט האָט זי באַוויזן, אַז זי איז אויך אַן עכטע איטאַליענערקע אויב זי וויל. אַן עוולה וואָס מען האָט דעם רירעוודיקן היימאַן מייזעל געגעבן אַזאַ לעמעשקעוואַטע ראָלע פון אַ פּאָליס קעפּטען, וואָס גיט אַזוי ווייניק צו „עקטן" און האָט אַזוי ווייניק שאַנס צו צייגן וואָס מייזעל קאָן. יחיאל גאָלדשמידס ראָלע אַלס אַ קאַמפּיינער אויף אַ סטריט־קאָרנער איז אויך ניט קיין וויכטיקע ראָלע פאַר אַזאַ אַרטיסט. מאַרק שוויידס ראָלע אַלס מאַרקוסעס אַ שוואָגער, איז שוין אַ מער דאַנקבאַרע. לוסי גערמאַן אַלס לוריעס כלה און אָנגעשטעלטע אינם סטאָר פון די פּאַרטנערס איז אַ קליינע, אָבער זייער אַ לעבהאַפטע, און זי פירט זי דורך פּראַכטפול גוט.

עס איז שווער צו זאָגן וועלכע פון לייוויקס פּיעסן „שמאַטעס" אָדער „אַנדערש" איז בעסער. אָריגינעל, פּסיכאָלאָגיש, עכט־יידישלעך און אמת פון לעבן זיינען ביידע. „שמאַטעס" איז געגאַנגען לעצטן סעזאָן עטלעכע חדשים. דאָס צייגט, אַז אין ניו־יאָרק איז דאָך דאָ אַ קלאַס אינטעליגענטע באַזוכער, מענטשן, וואָס ווייסן ווי אָפּצושאַצן אַזעלכע ווערק און פּאַטראָנייזן [שטיצן] זיי. אין דער פּיעסע „אַנדערש" באַטייליקן זיך אויך מיט ערפאָלג בעסי מאָגולעסקאָ, פעני גאָלדבערג, ה' האָניגמאַן און אַנדערע".

## ש. ניגער שרייבט:

„קיין גאַנצן און פולן איינדרוק פון לייוויקס „אַנדערש" האָבן מיר ניט. מיר קאָנען נאָך ניט האָבן. אין טעאַטער מאַכט מען נאָך אַלץ — פּראָבעס. די גרופּן־סצענעס — איינע פון די שווערסטע און וויכטיקסטע אויפגאַבן, וואָס עס האָט די רעזשי, זיינען דערווייל נאָך סצענעס פון ...אומבאַהאָלפנקייט. מען זעט אַ פּאָר איינציקע פערזאָנען ביים זעצן זיך און זיצן אַרום טיש אין ערשטן בילד: קיין טיש איז ניטאָ. מענטשן שטופּן זיך און שרייען לעבן דעם רעדנער אין דריטן בילד, אָבער זיי שטופּן זיך און טומלען ווי סטאַטיסטן אין יידישן טעאַטער, ניט ווי צוהערער אויף — אַ געשפּילטן — גאַסן־מיטינג. אויך די שפּילער, צווישן וועלכע עס זיינען דאָ אַזויפיל טאַלענטפולע אַרטיסטן, ברענגען אַרויס דערווייל נאָר אַ טייל, און ניט דעם וויכטיקסטן טייל, פון דער לירישער, גראָטעסקער, אַנטיפיליסטערישער, אויב איר ווילט, רעוואָלוציאָנערישער פּאָעמע, וואָס הייסט „אַנדערש", וואָס איז אַנדערש און וואָס דאַרף געשפּילט ווערן אַנדערש ווי געוויינלעכע „דראַמאַטישע" דראַמעס. מיר האָבן דערפאַר נאָך ניט דעם ריכטיקן איינדרוק, וואָס דאָס, אין פינף סצענעס איינגעטיילטע, טעאַטראַליש־אינסטרומענטירטע ליד פון ה. לייוויק, קאָן און דאַרף מאַכן ווען עס זאָל געפונען ווערן דער ריכטיקער (ליריש־גראָטעסקער? טראַגיש־גראָטעסקער?) טאָן פאַר דעם. אין איניקע פּאָזעס, באַוועגונגען און אין דעם אַלגעמיינעם ריטם פון מוני ווייזענפריינדס שפּילן איז דאָ אַן אָנצוהערעניש, ליידער נאָר אַן אָנצוהערעניש, אויף דעם דאָזיקן טאָן.

קאָן מען דערווייל ריידן נאָר וועגן די שפּורן, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן ביי אונדז אין די רעיונות, אין דער פאַנטאַזיע די נאָך אַלץ ניט פאַרטיקע אויפפירונג פון „שוואַרצס קונסט־טעאַטער. די דאָזיקע שפּורן זיינען ניט איינגעשניטן טיף רויט, ווי זיי האָבן

געקאָנט ווערן איינגעשניטן אין אונדזער זכרון, אָבער בלאָס זיינען זיי אויך ניט. זיי קאָנען ניט זיין בלאָס שוין דערפאַר אַליין, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען אויף דער יידישער בינע אַזוינע שאַרף־פילנדע מענטשן, אַזוינע נייע מענטשן ווי מאַרקוס און דער מאַטראָז איזידאָר. מאַרקוס און איזידאָר קומען אויף דער בינע אַזוי ווי מרדכי מאַזע (אין די „שמאַטעס") און נאָך מער ווי מרדכי מאַזע מיט זייער אייגענער לופט. מיט יעדער באַוועגונג, מיט יעדן בליק און יעדן וואָרט זאָגן זיי צו די אַרומיקע (און צו די מענטשן פון די געוויינלעכע יידישע דראַמעס): „דאָס זייט איר און דאָס זיינען מיר. מיר זיינען אַנדערש, מיר פילן אַנדערש, מיר טראַכטן אַנדערש, מיר האַנדלען אַנדערש ווי איר, דורכשניטסמענטשן". וואָס מיטלמעסיקער, וואָס שאַבלאָנהאַפטיקער עס איז דאָס בינטל פאַרגליווערטע געוווינהייטן, וואָס מען רופט עס אָן די פסיכאָלאָגיע פון אַלע איבעריקע פאַרשוינען, אַלץ אויסערגעוויינלעכער, אַלץ אָריגינעלער זעען אויס לייוויקס אויסגעטרוימטע העלדן. אין דעם קאָנטראַסט, אין דעם קאָנפליקט, אין דעם קאַמף, אין דעם קיינמאָל זיך ניט ענדיקנדן קאַמף, וואָס איז דאָ צווישן זיי, די רעוואָלטירנדיקע, די ניט־נאָרמאַלע און דעם איינגעשפאַרטן, פאַרגליווערטן אינסטינקט פון „נאָרמאַלן", וואָס האַלט אויף די אַרומיקע, אין דעם דאָזיקן קאַמף ליגט דער גאַנצער, און דער איינציקער, דראַמאַטישער זין פון ביידע געשפילטע זאַכן לייוויקס; „שמאַטעס" און „אַנדערש". קיין אַנדער דראַמאַטיזם איז ניטאָ אין זיי. אי דער אַלטער מרדכי מאַזע, אי דער יונגער מרדכי־מאַרקוס (צי ניט אַמאָל אַ גלגול פון מרדכי דעם אַלטן?) קעמפן מיט דער וועלט, מיט דער סביבה, ניט מיט זיך אַליין, אין אינעווייניק זיינען זיי גאַנץ. זיי ווייסן ניט שטענדיק וואָס זיי ווילן, אָבער וואָס זיי ווילן ניט, דאָס ווייסן זיי אויסגעצייכנט. זייער בונט קעגן די אַרומיקע, די „נאָרמאַלע", האָט אין זיי אינעווייניק ניט קיין שום שטערונג, קיין שום אָפּהאַלט. זיי זיינען פולקום צוגעגרייט צו דעם. אַ שאַרף אויג זעט זיי דערפאַר אינגאַנצן שוין פון דעם ערשטן בליק. די אַלע בילדער זיינען אין „אַנדערש" אַזוי ווי אין „שמאַטעס" נאָר וואַריאַנטן אויף דער טעמע פון דעם ערשטן אַקט, וואָס איז אַ פונאַנדערוויקלען, ניט קיין אַנטוויקלען (אויב עס איז דאָ אויף יידיש אַן אונטערשייד צווישן די ביידע ווערטער). מען בויט אַזוי ניט קיין דראַמע, נאָר אַ לירישע פּאָעמע.

אָבער ווער זאָגט עס, אַז מען קאָן ניט מאַכן קיין טעאַטער פון לירישע פּאָעמעס? געוויס איז לייכטער צו האַלטן דעם עולם געשפּאַנט מיט אַן „אמתער" דראַמע ווו אין אָנהייב וואַרט מען מיט גרויס אינטערעס אויפן מיטן און אין מיטן וויל מען וויסן וואָס עס וועט זיין דער סוף. אָבער איך גלייב, אַז מען קאָן אויפפירן מיט גרויס ערפאָלג אויך אַ לירישע דראַמע. אמת, דער לירישער געמיטס־צושטאַנד, וואָס שאַפט אונדזער לופט, איז פאַראַן שוין גאָר אין אָנהייב, אָבער ער קאָן דאָך, וואָס ווייטער, ווערן אַלץ שטאַרקער, אינטענסיווער. אונדזער אינטערעס צו אים, אויב ער איז דאָ, קאָן וואַקסן מיט אים אינאיינעם. לייוויק ווייס עס און ער שטרעבט דערצו. מאַרקוס איז שוין אין דעם ערשטן אַקט טאַקע „אַנדערש" ווי די אַרומיקע, אָבער וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער, אַלץ זיכערער, אַלץ דרייסטער ווערט זיין ניט וועלן (און ניט קאָנען) אומקערן זיך צום „נאָרמאַלן" לעבן, ביז עס קומט צום סוף ווען ער צינדט אונטער און פאַרניכטעט די „סטאָר" [געוועלב], אָט די פאַרקערפּערונג פון דער היינטיקער קרעמערישער (יידישער) „נאָרמאַלסי" [נאָרמאַלקייט]. מאַרקוס־מרדכי איז אין





פאַרגלייך מיט מרדכי מאַזע אַ שריט פאָרויס. עס איז שטאַרקער אין אים, ווי אין מרדכי מאַזע, די „משוגעת", די מרידה קעגן דער „מערהייט". זי, די מערהייט, איז שטענדיק די זעלביקע — נאָך דער מלחמה ווי פאַר דער מלחמה. זי קעמפט אַלץ פאַרן ביליקן „קאַר פעיר" [טראַנספּאָרטאַציע], און מען קאָן זי ניט אויפבונטעווען קעגן איר אינעווייניקסטער אייביקער פיליסטערישקייט, ניט מיטן טויט פון בלינדע מיליאָנען, ניט מיטן וואַנזין פון איינציקע זעענדיק־געוואָרענע, און דער רעוואָלט קעגן די צוגעפּאַסטע און די זיך־צופּאַסנדיקע איז ביי מאַרקוסן ברייטער, טיפער ווי ביי מרדכי מאַזע (און עס וועלן זיך באַלד מסתמא אַ שאָט טאָן קעגן אים, דעם „קרענק" דעם משוגענעם, פּראָטעסטן פון „פאָלק" פאַרוואָס ער פאָלגט ניט דעם גוטמוטיקן דזשייקאָבסאָן, וועלכער וויל אים מאַכן פאַר אַ „מענטשן" צוריק, פאַרוואָס ער איז „ניט דאַנקבאַר" זיין פאַרטנער לוריע, וועלכער נעמט אים אַריין צוריק אין שותפות, כאָטש דער „סטאַק" [סכום סחורה] איז גרעסער געוואָרן). די אינעווייניקסטע „אַנדערשקייט" איז ביי דעם נאָך־מלחמהדיקן מאַרקוסן גרעסער, אינטענסיווער ווי ביי דעם זַלטן יידן מרדכי (אין די „שמאַטעס") און אויך אויסגעדריקט איז זי שטאַרקער, דראַמאַטישער, יעדנפאַלס — טעאַטראַלישער.

מרדכי מאַזע האָט ניט גערעדט. מאַרקוס רעדט. ער רעדט שוין צו פיל. לייוויק האָט זיך אַזוי ווי דערשראָקן, וואָס דער עולם און דעם עולמס פאָרשטייער אין דער פרעסע האָבן ניט פאַרשטאַנען מאַזעס ריידן אויפן ווונק, מאַזעס שטומקייט, האָט ער דעם העלד פון זיין נייער דראַמע געמאַכט שוין צו באַריידעוודיק. דאָס פילט זיך דערהויפּט אין ערשטן בילד. מאַרקוס זאָגט דאָרט זיין פרוי, צום ביישפּיל, אַזאַ זאַך, וואָס זי וואָלט געוווּסט, און די צוזעער וואָלטן געוווּסט, אויך ווען ער זאָל עס איר ניט זאָגן. און בכלל טייטשט ער צופיל אויס און באַטאָנט צופיל זיין „אַנדערשקייט". ער טוט אַזוינע זאַכן, וואָס ווייזן בעסער ווי אַלע רייד און רעדעס, אַז ער איז אַנדערש און אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט נאָך (און אגב אויך פאַר) דער מלחמה געמוזט זיין אַנדערש. לייוויק האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף מאַרקוסעס אויפפירונג. זי רעדט פאַר זיך אַליין, אָבער אויך די רייד מאַרקוסעס זיינען אין פילע שטעלן שטאַרק, פול מיט טראַגיק און ליריזם. זאָל דער אַקטיאָר נאָר קאָנען אַריינלייגן זיך אין זיי, זאָל ער נאָר האָבן מוט און קראַפט ווערן אויף דער בינע אַן אַנדערער, אַ נייער, אַ באַנייטער, זאָל ער נאָר ניט שרעקן זיך פאַרן קאָלעקטיוון „סטאָרקיפּער" [געשעפט־אייגנטימער], פאַר דעם פיל־קעפּיקן לוריע (מאַרקוסעס פאַרטנער) און פאַר דער פיל־קעפּיקער סאָפיע נעדערסאָן (לוריעס כלה), וואָס רופט זיך פובליקום. ער וואָלט דאַן אפשר דערדריקן, כאָטש אויף אַ ווײלע, דעם פיליסטער, דעם „נאָרמאַלסי"־מענטשן, וואָס זיצט אין יעדן פון אונדז. עס וואָלטן גאָרניט נייטיק געווען דאַן די אַלע פּשרות מיטן אַלטן שאַבלאָנעם טעאַטער, וואָס לייוויק האָט געמאַכט, שילדערנדיק די נעבן־פּערזאָנען. מאַרקוס און איזידאָר אַליין מיט זייער אַוועקגיין פון דעם „אַנשטענדיקן", „נאָרמאַלן" לעבן, מיט זייער טראַגישן ניט געפינען זיך קיין אָרט אין אים, וואָלט געווען אַ ליד, אַ פּאָעמע, וואָס וואָלט אונדז אויפגעטרייסלט און אָפּגעפרישט ווי אַ פרילינגס־שטורם.

אָבער כדי דאָס זאָל געשען, האָט אין טעאַטער געדאַרפט זיין אַן אַנדער (אפשר אַ רוסיש, אפשר אַ יידיש־אוקראַיִניש) פובליקום, און אויף דער בינע האָט געדאַרפט זיין ניט קיין געמיש פון אַקטיאָרישע שאַבלאָנען, נאָר אַן אַטמאָספערע פון טיפער, כאָטש

גראָטעסקער, טראַגיק, יענע אַטמאָספערע, וואָס ווערט ביסלעכווייז געשאַפן אין דעם נייעם רעוואָלוציאָנערן טעאַטער פון אייראָפּע. מיט די מיטלען, וואָס שוואַרצס קונסט־טעאַטער געברויכט, קאָן מען נאָר אָפּשוואַכן די שטאַרקע און נאָך שוואַכער מאַכן די שוואַכע זייטן פון דעם אַנטיפּיליסטרישן ליד, וואָס הייסט „אַנדערש“, איז אַנדערש און דאַרף געשפּילט ווערן אַנדערש ווי מען שפּילט געוויינלעך אין יידישן טעאַטער“.

**אַקסעל אַרגומענטירט, אַז לייוויק איז כלל ניט קיין דראַמאַטורג:**

„אין דעם „קונסט־טעאַטער“ האָט זיך דער נייער סעזאָן אָנגעפאַנגען מיט אַ פּיעסע פון ה. לייוויק, דער פאַרפאַסער פון „שמאַטעס“, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן לעצטן סעזאָן אויך אין דעם זעלבן טעאַטער מיט אַ היבשן ערפאָלג. און ווי דאַן, אַזוי איצט האָט די דירעקציאָן פון דעם „קונסט־טעאַטער“ אַנאָנסירט די פּיעסע אַלס עטוואָס אויסערגעוויינלעכעס. דאָס האָט באַדאַרפט צו זיין, אַזוי צו זאָגן, די פּראָגראַם־פּיעסע פון דער קינסטלער־קאָמפּאַני. „אַנדערש“ איז „אַ סימבאָליש בילד“. „אַנדערש“ איז „אַ קונסט־ווערק“, האָט מען אונדז אָנגעפאַנגען דערציילן איידער מיר האָבן עס נאָך זוכה געווען צו זען. מילא, אַז מען האָט אויפגעפירט „אַנדערש“ און עס איז טאַקע געווען אַנדערש ווי „שמאַטעס“. דאָסמאָל איז די פּרעסע ניט אַרויס מיט אַ היסטערישן געשריי, אַז דאָס איז „טשעכאָוויש“, אַז דאָס איז די העכסטע קונסט. מען האָט, פאַרקערט, פון אַלע זייטן זיך אַרויפגעוואָרפן מיט פאַרקריצטע ציין און אַרונטערגעריסן די פּיעסע „אַנדערש“ אָן רחמנות, באשר מען קאָן ניט מערקן קיין סימן פון יענעם קינסטלער, וואָס האָט געשאַפן „שמאַטעס“. מען זעט ניט קיין סימן פון טאַלענט. עס איז ניט אָריגינעל, „עקס־פּרעזידענט ווילסאָן האָט אויך באַרירט די זעלבע טעמע“. „מען וואָלט געקאָנט אַרויסנעמען דעם צווייטן אָדער דעם דריטן אַקט און קיינער וואָלט עס ניט באַמערקט“. אָט אַזוי האָבן אונדזערע רעצענזענטן געמשפּט און פאַרמשפּט די ערשטע פּיעסע מיט וועלכער דער „קונסט־טעאַטער“ האָט געעפנט דעם נייעם סעזאָן.

די וואָס האָבן געזעען די נייע שאַפונג פון ה. לייוויק און וואָס ווילן ניט נאַרן זיך אָדער אַנדערע, מוזן צוגעבן, אַז „אַנדערש“ איז אַ בעסער ווערק פון „שמאַטעס“, אַז דאָ מערקט זיך גראַדע אַ געוויסע „אידעע“. עס איז דאָ אַ מין תכלית. מען זעט, אַז דער מחבר האָט געוואָלט פאַר דער וועלט אַרויסברענגען עטוואָס וואָס האָט אים געמאַטערט. אין דער צייט וואָס „שמאַטעס“ איז געווען אַ מין שטיק אומקלאָרקייט, ווו מען האָט פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט קריגן קיין ענטפער, וואָס דער פאַרפאַסער האָט געוואָלט מיט זיינע העלדן אונדז באַווייזן, זעען מיר אין „אַנדערש“ אַ גאַנץ אויסגעשפּראָכענעם געדאַנק.

די וועלט איז צעטרייסלט געוואָרן. אַ ים בלוט האָט איר אַריבערגעשווענקט. מוראדיקע קאַטאַסטראָפעס זיינען פאָרגעקומען. אַ גרויסער טייל פון דער יוגנט פון אַלע נאַציאָנען איז אַראָפּ אין קבר. מען האָט געטאָן זאַכן וואָס מען האָט פריער זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן. נו, קאָן דען זיין, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט זאָל זיך פילן, לעבן, ווירקן, שאַפן אַזוי ווי פריער? קאָן דאָס זיין, אַז די באַגריפן וועגן גוטס, שלעכטס, טוגנט און פאַרדאָרבנקייט זאָלן זיין דיזעלבע? אָט די פראַגן מוז זיך שטעלן יעדער טיף־דענקנדער מענטש...די פראַגן האָט זיך אויך געשטעלט



ה. לייוויק און אונדז געוואָלט געבן דערויף אַן ענטפער אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. די פראַגע איז נאָר, האָט ה. לייוויק געגעבן אַן ענטפער אויף די אויסגערעכנטע פראַגן אין זיין נייער דראַמע? דער ענטפער מוז זיין, אַז ה. לייוויק האָט ניט געגעבן קיין ענטפער, און ניט געגעבן, האָט ער, ווייל ער איז, לויט אונדזער טיפער איבערצייגונג, ניט קיין דראַמאַטורג. די דראַמאַטישע פאָרם איז ניט זיין געביט. ער האָט אפשר אידעען. ער איז אפשר, ווי מען באַהויפּטעט, אַ „טיפער“ דיכטער, אָבער ער זעט ניט קיין זאַכן מיט די אויגן פון אַ דראַמאַטורג. ער קאָן ניט אַרויסברענגען זיינע העלדן און זיינע געדאַנקען דורך האַנדלונג, דורך דראַמאַטישע קאָנפליקטן. ...„אַנדערש“ אַלס דראַמע איז אַ נישטיק ווערק. נישטיק, ניט קוקנדיק וואָס דער פאַרפאַסער האָט אין דעם אַריינגעטאָן אַ גוטע, צי אָריגינעלע אָדער ניט, אידעע, און נישטיק איז עס, ווייל איר שפּירט, אַז דער שאַפער האָט זיך גענומען ניט פאַר זיין געביט. די אידעע איז אַן אויסגעצייכנטע אַפילו פאַר אַ דראַמע ...ווען אַ קינסטלער־האַנט נעמט זיך מאָלן אָט די שטימונג, דאַן וואָלט ווירקלעך געקאָנט אַרויסקומען עטוואָס גראַנדיעזעס. ה. לייוויק האָט אָבער פאַרן אויג ניט געהאַט קיין אומגעבונג, קיין סיטואַציאָן און אַטמאָספערע דורך וועלכע אַרויסצוברענגען די שטימונג... די איינציקע גרויסע מעלה פון „אַנדערש“ איז וואָס די אידעע גופא, וועלכע דער מחבר האָט ניט געקאָנט אַרויסברענגען, איז אַ ווערטפולע, און כאָטש דאָס איז נאָר רעדעריי, דערטראָגט זיך פאָרט אַמאָל אַ קרעכץ אַריבער דעם וואָרט, און אַ דאַנק דער ערנסטער באַציִונג פון דער קאָמפּאַני, איז מעגלעך געווען עס צו זען פון אָנפאַנג ביזן סוף.

פון די, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מוז דערמאָנט ווערן ה׳ ג. רובין אַלס דזשייקאָבס. די אַרבעט, וואָס עס האָט אַרויפגעלייגט אויף זיינע פּלייצעס דער דראַמאַטורג, איז אין קינסטלערישער הינזיכט אַ נול. אָבער רובין האָט מיט זיין כוח עפּעס געשאַפן. עס איז געווען פאַרן אויג אַ תמימותדיקער סטאָר־קיפּער, אַ קליינבירגער, אַ וואַך־מענטשל. מיטן אויסזען, מיט זיין מהות, האָט ער געשאַפן אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו מאַרקוסן, און ווען דער הויפּט־העלד וואָלט אַרויסגעבראַכט געוואָרן שאַרף, בולט, ווען מיר וואָלטן געקאָנט זען וואָס עס קומט פאָר אין זיין נשמה, און ווי ער קעמפט פאַר זיין „אַנדערש“, דאַן וואָלט ה׳ רובינס „דזשייקאָבס“ פיל מער קינסטלערישן ווערט געהאַט. ה׳ שוואַרץ האָט, ווי ווייט מעגלעך, עפּעס געגעבן אַלס „מאַרקוס“, אָבער די צעשוומענקייט פון דער ראָלע האָט דעם שוישפּילער ניט געלאָזט אויפטאָן עפּעס ווערטפולעס. מאַדאַם אַבראַמאָוויטש האָט אַלס מאַרקוסעס מוטער ניט געהאַט וואָס צו טאָן, און ווי אַן אמתע קינסטלערין האָט זי פאַרשטאַנען ווי זיך צו האַלטן אין שאָטן, אַזוי, אַז זי זאָל וואָס ווייניקער קאַלע מאַכן. אַ שיינעם, אָבער דעקאָראַטיוון איינדרוק האָט געמאַכט מאַדאַם אַפּעל אַלס די איטאַליענערקע, כאָטש איר גוטער שפּילן האָט אַ היבש ביסל אָפּגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם עיקר פון דעם העלד. ווייזענפריינד האָט געבלאָנדזשעט אַלס דער מאַטראָז. ער איז אַרויסגעקומען זייער ניט קלאָר, כאָטש אַ פּאָר טענער האָבן געצייגט, אַז ער קאָן זיין גוט אין קאָמי־טראַגישע ראָלן“.

**אַב. קאַהאַן שרייבט:**

„אין שוואַרצס „קונסט־טעאַטער“ גייט איצט אַ נייע פּיעסע פון לייוויק, דעם פאַרפאַסער פון „שמאַטעס“, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ

גרויסן און שיינעם ערפאָלג. דיזן מאָל האָט לייוויקן ניט געלונגען. אין זיין נייע פּיעסע נעמט ער זיך אויף אַ נייעם וועג, און דער רעזולטאַט איז אַ טרויעריקער. פונקט ווי די „שמאַטעס“ איז פול מיט ווירקלעכקייט און מיט קרעפטיקן, זאַפטיקן לעבנס־אינהאַלט, אַזוי איז „אַנדערש“ פול מיט טויטע פּרעטענזיעס און מאַכטלאָזע שטרעבונגען. עס איז אַ שיסעריי אָן פּולווער. נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אַזאַ סוקסעס מיט אַ בילד פון פלייש און בלוט, גענומען פון דעם אַלטעגלעכן לעבן, איז געווען נאַטירלעך צו ערוואַרטן, אַז דעם מאַטעריאַל צו זיין צווייטער פּיעסע וועט ער זוכן אויף דעם זעלביקן לעבנס־פעלד. ער האָט אָבער אַזוי ניט געטאָן. דיזן מאָל האָט ער פאַריסן דעם קאָפּ צו די וואָלקנס פון דעקאַדענטישע „וואָלט איך און וויל איך“, און אַלץ, וואָס ער האָט דאָרט געפונען, איז טומאַן.

די פּיעסע איז אַ דורכפאַל פון דעם דעקאַדענטישן שטאַנדפּונקט אַזוי גוט ווי פון דעם רעאַליסטישן. עס איז אַ דורכפאַל מיט וואָס פאַר אַ מאָס איר זאָלט ניט מעסטן. עס זיינען פאַראַן זייער טאַלענטפולע, אמת־פּאָעטיש דעקאַדענטישע זאַכן אין דער ליטעראַטור. וועגן דיזער פּיעסע אָבער קאָן מען נאָר קוועטשן מיט די פּלייצעס. עס מאַכט ניט אויס צו וועלכער שולע דער קריטיקער באַלאַנגט.

...דער עיקר פון דעם אינהאַלט באַשטייט אין אַ פּלאַן צו קריטיקירן מלחמה. אַזעלכעס איז געטאָן געוואָרן פון הונדערטער שרייבער אויף הונדערטער פאַרשיידענע אופנים. דאָך וויפל מען זאָל דעם מיליטאַריזם קריטיקירן, איז אַלץ ווייניק. עס בלייבט אימער איבער פּלאַץ פאַר אַ נייעם וואָרט, פאַר אַ נייעם סאָרט קריטיק. דאָ אָבער האָט איר קיין שום נייעס ניט. ווייטער: דער געדאַנק פאָרצושטעלן די פאַרדאַמונג פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע פעלערן אין דער פאָרמע פון אַ מענטשן, וואָס איז פון דיזע פעלערן אַראָפּ פון זינען, אַזאַ געדאַנק איז אויך קיין נאָווינע ניט. אָבער ווידער קאָן מען דאָ זאָגן: עס בלייבט אימער פּלאַץ פאַר אַ נייעם וואָרט, פאַר אַ נייע פאָרמע, אַפילו אויף דיזן שטייגער. לייוויק אָבער ווייזט ניט אַרויס קיין שום נייעס. וואָס ער ווייזט יאָ, איז פּרוכטלאָזע אָנשטרענגונג צו שאַפן עפּעס. ער שאַפט אַבסאָלוט גאָרניט. איר זעט ווי ער זוכט און טאַפּט און מאַטערט זיך און עס קומט אַרויס פיר זייער טרויעריקע אַקטן, וועלכע פאַרנעמען אומזיסטע מי ביי די אַקטיאָרן און אומזיסטע צייט ביי די צוזעער.

ווען איך וואָלט ניט געוווסט, אַז לייוויק איז אַ טאַלענטפולער מענטש אי אַלס פּאָעט אי אַלס פאַרפאַסער פון אַ לעבנס־דראַמע, וואָלט איך בשום אופן ניט געגלייבט, אַז דער פאַרפאַסער פון „אַנדערש“ האָט אין זיך אַ שפּור פון טאַלענט. ווען איר ווייסט יאָ, אַז דאָס האָט לייוויק געשריבן, דערקענט איר דאָ און דאָרטן עטוואָס אַ צייכן, וועלכער ערינערט אייך אָן די גוטע שטאָף, וואָס ליגט אין דיזן שרייבער, אָבער דאָס זיינען גאַנץ שוואַכע צייכנס. קורץ, עס האָט אים דיזן מאָל איינפאַך ניט געלונגען. ער האָט זיך פאַרנומען אויף אַ פאַלשן וועג. ער האָט געבלאָנדזשעט און פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט זיך אַליין אָפּגענאַרט. פאַלן אָבער ביי זיך דאַרף ער ניט. דער לייוויק, וואָס האָט אויפגעשריבן „שמאַטעס“, קאָן שאַפן אמת געראָטענע לעבנס־פּיעסן. ער קען און מוז. זאָל ער זיינע נעקסטע טעמעס ווידער זוכן אויף דער ממשותדיקער ערד אונדזערער, ניט אין יענע ווייטע, הויכע, נעבלדיקע געגנטן וווּהין מען פאָרט אויף אַן עראָפּלאַן.

אַ פאַרזוך צו שאַפן אַ כאַראַקטער־בילד אין דער פּיעסע שטעלט מיט זיך פאָר די פּערזאָן פון דעם העלדס אָנקל. דיזער אָנקל איז



אַ ביזנעס־מאַן, וואָס ליבט אַ ביסל צו פילאָזאָפירן אויפן סוחרישן שטייגער און אַ קאָקעטעווע צו טאָן מיט זיין אַמעריקאַנישקייט. ער וואַרפט אַריין ענגלישע ווערטלעך אין זיין געשפּרעך. ווערטלעך, וועלכע ער נעמט פון די צייטונגען. פּרעזידענט האַרדינג האָט געברויכט אַ געוויסן וואָרט פון וועלכן די צייטונגען האָבן פיל אָפּגעלאַכט אין דער צייט פון זיין קאַמפּיין: „נאָרמאַליטי“, דאָס הייסט נאָרמאַלער צושטאַנד. דער וואָרט ווערט געברויכט אויף אַ שפּאַס. אָבער דער אָנקל מיינט, אַז דאָס איז אַ שיינער ערנסטער אויסדרוק און ער צייגט זיך מיט אים אַלע וויילע אויס. דאָס איז אַן אָנקל אַ קאָך־לעפל. ער לייגט זיך אַריין אין די אינטערעסן פון זיין פּלימעניק, נעמט זיך אָן פאַר אים פאַר זיין געוועזענעם פּאַרטנער, וועלכער האָט קיין חשק ניט אַריינצונעמען אים צוריק אין די ביזנעס. אין די פּאָר יאָר וואָס מאַקס [דער הויפּט־העלד] האָט פאַרבראַכט אין דער מלחמה, האָט מען אין אַמעריקע געמאַכט גאָלדענע געשעפטן. די פּרייזן זיינען געווען הויכע, דעריבער איז דער סטאַק פון די ביזנעס געשטיגן. נו, האָט דער פּאַרטנער אַ טענה, אַז די סטאָרקע איז שוין גאָרניט דיזעלבע, און אַז מאַקס קאָן ניט האָבן קיין פּרעטענזיעס אויף איר. מען מאַכט אָבער ווי עס איז אַ פּשרה, און מאַקס קומט ווידער אַריין אין געשעפט, אַלץ אַ דאַנק דעם אָנקל.

אַ צווייטע פּראָבע פאָרצושטעלן אַ כאַראַקטער־בילד איז פאַרקערפּערט אין אַ בוקיפּערין [בוכהאַלטערין], וועלכע איז צו דער זעלבער צייט דעם פּאַרטנערס כלה. זי איז אַ מיידל מיט גרויסע אַמביציעס און מיט אַ גרויסן מויל. זי זאָגט דעות און פילט זיך ווי אַ באַלעבאָסטע נאָך איידער זי האָט חתונה געהאַט. זי ווייזט איר חתן אויף ווי דער געוועזענער סאָלדאַט רוינירט איצט דעם געשעפט מיט זיינע זאַנדערבאַרע פּירונגען. הויפּטזאַכלעך איז זי ניט לאַסקאָווע מיט מאַקסן דערפאַר, וואָס ער גיט איר ניט אָפּ קיין דאַמען־רעכט. זי שרייט, אַז ער איז ניט קיין דזשענטעלמאַן, ער ווייס ניט ווי צו ריידן מיט אַ לידי, און פאַר דיזע אַלע זאַכן יאַדעט זי איר חתן און ברענגט אים דערצו, אַז יענער נעמט ריידן וועגן צעטיילן זיך. דיזע צוויי פּערזאָנען, דער אָנקל און די כלה, וואָלטן געווען אינטערעסאַנטע טיפּן ווען זיי וואָלטן געווען אויפגעמאָלט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אין דער פּיעסע אָבער זיינען פון זיי אַרויסגעקומען קאַריקאַטורן. דער שטריך וועגן „נאָרמאַליטי“ וואָלט געווען אַן אינטערעסאַנטער שטריך, אָבער ער איז דורכויס פאַרקאַראַקורעוועט. ווען איר ווייסט, אַז דער פאַרפאַסער האָט אַרויסגעוויזן זיין טאַלענט ביי אַנדערע געלעגנהייטן, זעט איר אין די צוויי פאַרשוינען אויך אַ שפּור פון כאַראַקטער־געפיל, אָבער ווייטער ווי אַ שפּור גייט עס ניט.

אויך איז קאַריקאַטור דער ביליקער פּאָליטישן, וועלכער האַלט אַ רעדע אויפן גאַס. די סצענע אין לעצטן אַקט ווּו דער העלד צעטיילט אַ היבשע ביסל פון זיין סטאַק צווישן אַכט מאַטראָזן איז דורכגעמישט מיט פאַנטאַסטישע אָנצוהערענישן, וועלכע זיינען פונקט אַזוי ניט געלונגען ווי דאָס איבריקע פון דער פּיעסע. אין דער סצענע, וואָס קומט פאָר אין אַ פּאָליס סטיישאָן, שפּילט דער קעפּטען די ראָלע פון אַ האַלב־דזשאַדזש [ריכטער] און האַלב־רבֿ. ער פירט מיט דעם אָנגעקלאָגטן אַ גאַנצע דעבאַטע.

אין אַ פּיעסע ווּו עס איז ניטאָ וואָס צו שפּילן, איז זייער שווער פאַר אַ שוישפּילער זיך אויסצואַרבעטן אַ ראָלע. אַזוי איז אויך אין דיזן פאַל. רובין אין דער ראָלע פון דעם אָנקל האָט עפּעס יאָ אויסגעאַרבעט ווי ווייט עס איז אים געווען מעגלעך, האָט ער אָבער

ליידער ניט געקענט זיין ראָלע. אין דעם ערשטן אַקט זיצט רובין גראָד צו ווייט פון דער בודקע [פון סופלער], איז געווען צרות. דאָך אין די שטעלן ווו ער האָט יאָ געכאַפּט דעם סופלערס ווערטער אָדער ווו ער האָט אַליין געוווּסט די ראָלע, האָט ער גערעדט ווי אַ שוישפילער, וואָס האָט איינבילדונגס־קראַפט, ווי אַ שוישפילער, וואָס האָט טאַלענט. שוואַרץ אַליין אין דער ראָלע פון דעם האַלב־משוגענעם, האַלב־„סימבאָליסטישן" העלד, האָט אַבסאָלוט ניט געהאַט וואָס צו געבן דעם עולם. אין דער ראָלע איז ניטאָ וואָס מען קאָן זיך פאָרשטעלן. עס איז ניטאָ קיין באַשטימטער בילד פאַר דער איינבילדונגס־קראַפט. מר. שוואַרץ האָט געטאַפּט און געמאַטערט זיך פונקט ווי דער שרייבער. מיס גערסטען אַלס דעם העלדס פרוי האָט ווערטער אָן אַ ראָלע, און די דאָזיקע ווערטער האָט זי גערעדט ווי זי זאָגט געוויינלעך אין אַלע ראָלן אויף דעם זעלבן שטייגער. מרס. אַבראַמאָוויטש אַלס אַן אַלטיטשקע האָט געזיפצט און געוויינט. אַמוזירט האָט זיך דער עולם ווען מיס אַפעל איז געקומען אויף דער בינע. זי איז ערשינען אין דער ראָלע פון אַן איטאַליענערקע, וואָס גייט קויפן אַ העמד. זי האָט גערעדט ענגליש אויף אַן איטאַליענישן שטייגער און האָט זיך אַזוי געהאַלטן, אַז דער גאַנצער טעאַטער האָט זיך געקייקלט לאַכנדיק. מען איז איר געווען דאַנקבאַר פאַר די עטלעכע לוסטיקע מאָמענטן, וואָס זי האָט אַריינגעבראַכט. דאָס איז אָבער געווען אַ שטיקל בורלעסק, וואָס האָט אייגנטלעך ניט געהאַט קיין אינערלעכע שייכות מיט דער פּיעסע. ווען עס וואָלט זיך אויף צען מינוט אַראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג און עס וואָלט ערשינען אַ סוברעטין מיט אַ קאָמיקער צו זינגען און טאַנצן, וואָלט דאָס ניט געהאַט ווייניקער צוזאַמענהאַנג מיט דער דראַמע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען „אַנדערש", ווי די סצענע מיט דער איטאַליענערקע. נאָר, ווי די מעשה איז, די איטאַליענערקע איז געווען אָלרייט.

מוני ווייזענפריינד האָט געשפּילט דעם מאַטראָז, וועלכער קומט צו דער פּאַרטי און הייבט אָן צו ריידן ווי ער וואָלט אַראָפּגעפאַלן פון יענער וועלט. איז דאָס אויך אַ שטיק „סימבאָל"? אויך אַ פּאַרציע דעקאַדענטסוואָ? גאָט אַליין ווייס... זשבער ווייזענפריינד האָט אַ געבוירענעם טאַלענט און אַ געבוירענעם פּערזענלעכן מאַגנעטיזם אויף דער בינע, און וואָס ער טוט, האָט אַ געוויסן סאָרט חן. אַלזאָ, האָט ער דאָך געמאַכט אַן איינדרוק, כאָטש ער האָט וואַרשיינלעך אַליין ניט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. גערמאַן אין דער ראָלע פון דעם פּאַרטנער און מיסעס גערמאַן אין דער ראָלע פון דער כלה זיינען געווען צופרידנשטעלנד. דאָסזעלבע קאָן מען זאָגן וועגן גאָלדשמידטן אין דער ראָלע פון דעם פּאָליטישן. מייזעל אַלס פּאָליס־קעפּטען, שווייד, האָניגמאַן און מיס מאָגולעסקאָ האָבן געהאַט ווייניק וואָס צו טאָן.

צום שלוס וויל איך זאָגן נאָך אַמאָל: זאָל דער טאַלענטפולער לייוויק פון דיזער ערפאַרונג ניט געפאַלן זיין ביי זיך. זאָל דיזע ערפאַרונג אים נאָר דינען אַלס אַ לעסאָן [לעקציע], אַז איידער ער זעצט זיך שרייבן אַ פּיעסע, זאָל ער ביי זיך אין געדאַנקען וויסן קלאָר און באַשטימט, אַז ער האָט אַן אינהאַלט מיט אַן אינערלעכע אידעע, וועלכע איז געבויט אויף אַ שטיק ממשותדיק לעבן. ווען ער שרייבט דעקאַדענטישע פּאָעזיע, מעג ער שוועבן אַזוי הויך אין די וואָלקנס ווי זיין פּאָעטישע פאַנטאַזיע וועט אים נאָר טראָגן, אין אַ געדיכט קאָן מען אין די ווערטער אַליין אַרויסווייזן פּאָעזיע. גאַנץ אַנדערש איז עס אָבער מיט אַ דראַמע".



**ס. דינגאָל אין זיין קריטיק אויף דער פּיעסע, ווייזט אָן ווי אַזוי ער וואָלט געשריבן די פּיעסע:**

„ריידנדיק וועגן בעסערע פּיעסן. לייוויקס „אַנדערש" איז אַ בעסערע פּיעסע, וועלכע איז נאָר שלעכט אָנגעשריבן געוואָרן און שלעכט אויפגעפירט געוואָרן. זי האָט אָבער אין זיך געהאַט אַלע עלעמענטן פון אַ גוטער דראַמע. זי האָט געהאַט אַן אידעע און אַ סך מעגלעכע דראַמאַטישע סיטואַציעס, וועלכע האָבן נאָר געדאַרפט אַ ביסל בולטער אַרויסגעבראַכט ווערן פון פּראָפעסער און די שוישפּילער. מאַרקוס האָט געקאָנט זיין אַ ריזיקער העלד. זיין פעטער, וואָס רעדט אַזויפיל פון „ביזנעס" און „נאָרמאַליטי", וואָלט איך לאָזן באַנקראָטירן און דערמיט אונטערשטרייכן די אונטערגייענדע וועלט, וואָס וויל ניט זיין אַנדערש. לוריע זאָל שטיין אין ביזנעס און אין סטאָר זאָל ניט אַריינקומען די איין איטאַליענערקע, מאַדאַם אַפעל, נאָר אַ מאַסע הונגעריקע און נאַקעטע, וועלכע זאָלן אָנשטאָט „גלאָריאַ" ציען מאָנאָטאָן בלויז צוויי ווערטער: „ברויט", „קליידער". לוריע זאָל זיי אַלעמען טרייבן פון סטאָר. מאַרקוס זאָל אויף אַ ווײַלע פאַרשטאָפּן זיינע אויערן אַזוי ווי ער וואָלט ניט וועלן הערן די שטים פון זיין אייגענעם געוויסן, אָבער ער שטאַרקט זיך און הייבט אָן צו וואַרפן צו זיי די קליידער פון זיין געשעפט: „נעמט, נעמט, ס׳איז אייערע".

דער שותף לוריעס הייבט זיך אָן מיט אים צו שלאָגן פאַר זיין אייגנטום. מאַטראָזן קומען אָן און ראַטעווען מאַרקוסן. „ער איז אונדזערער, אונדזערער", שרייען זיי, און די סצענע ענדיקט זיך מיטן שותף אַליין אין אַן אויסגעליידיקטער סטאָר. זיין כלה קומט צו אים און טרייסט אים. זי זאָגט אים, אַז ער האָט געקעמפט ווי אַ העלד קעגן זיי אַלעמען. „ניין, דער העלד איז ער! ער האָט געזיגט", ענטפערט לוריע און עס פאַלט דער פאָרהאַנג".

**ב. גאָרין שרייבט:**

„דאָס בעסטע פּובליקום, וואָס מען קאָן זען אין אַ יידישן טעאַטער, איז געווען פאַרזאַמלט לעצטן מאָנטיק אין אָוונט אין דעם „קונסט־טעאַטער" צו זען לייוויקס נייע דראַמע „אַנדערש". קיין שענערן און קיין בעסערן עולם קאָן זיך קיין טעאַטער ניט ווינטשן. מען איז געקומען זען עפּעס אַנדערש ווי וואָס מען זעט געוויינלעך אין טעאַטער און יעדער איז געווען גרייט צו בענטשן דעם פּראָפעסער פאַר ווייזן אונדז עפּעס אַנדערש און מאָריס שוואַרצן פאַר אויפפירן עפּעס אַנדערש. אָבער די ברכה איז ניט געקומען. דער עולם, וואָס האָט געזען די „שמאַטעס" פאַבריק סעזאָן, איז אַנטוישט געוואָרן פון „אַנדערש". ניט דאָס האָט מען ערוואַרט צו זען און ניט דאָס איז מען געקומען זען. דער פּראָפעסער האָט עפּעס געזען, נאָר אים אַליין איז ניט קלאָר געווען וואָס דאָס איז. דאָס וואָלט געווען אַ האַלבע צרה ווען ער וואָלט בילדלעך איבערגעגעבן דעם כאַאָס, אַז מיר זאָלן אים זען און פילן און איבערלעבן. אָבער דאָ האָט אים געפעלט פאַנטאַזיע אַזוי ווי דאָס האָט פּאַסירט מיט שלום אַשן אין זיין „מתים־טאַנץ" [„דער טויטער מענטש"], און די רעאַליסטישע בילדלעך, הגם עטלעכע פון זיי זיינען אויסגעצייכנט, האָבן די דראַמע ניט פאַרבעסערט. פאַרקערט, זיי האָבן איר געמאַכט אומפאַרשטענדלעכער. דער שרעקלעכער תוהו ובוהו, וואָס די מלחמה האָט געמאַכט אין דער וועלט, קאָן ניט געשילדערט ווערן אויף אַזאַ אופן ווי דאָס ווערט געטאָן אין „אַנדערש". גאָר אַנדערע מעטאָדן, גאָר

אַן אַנדער אויפֿאַסונג, גאָר אַן אַנדערע פֿאַנטאַזיע האָט זיך געפּאָדערט דערצו.

...דער גרעסטער חסרון פֿון דער שטיק איז, וואָס דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך לכתחילה אונטערגענומען צו שאַפֿן אַ גרויסע ווערק, וואָס זאָל אַרומנעמען די ברענענדיקסטע פּראָבלעמען פֿון אונדזער לעבן: ביזנעס, פּאָליטיק, גערעכטיקייט, אָבער גרויסע ווערק ווערן אַזוי ניט געשאַפֿן. עס איז פֿאַרשפּאָרט צו זאָגן, אַז אין „אַנדערש" זעען מיר אַ טיפֿע ערנסטקייט. דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך ערנסט אָפּגעגעבן מיט זיין פּיעסע און האָט געזוכט צו שאַפֿן דאָס בעסטע וואָס ער האָט געקאָנט. דער דירעקטאָר איז מיט גרויס ליבע און ערנסטקייט צוגעטראָטן צו דער אויפֿפֿירונג פֿון דעם שטיק, און די שפּילער האָבן מיט גרויס ערנסט גענומען זייערע ראָלן. בעסער פֿון אַלעמען איז געלונגען די שפּילער און הגם זיי האָבן דאָ אַלע זייער קליינע ראָלן, האָבן זיי אָבער באַוויזן אַזוי אויסצוצייכענען זיך, אַז יעדער אַקטיאָר ציט אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם עולם. עס איז זעלטן, אַז מען זעט אַזאַ אויסצייכענונג פֿון יעדן שפּילער באַזונדער, און עס קאָן גרייַלעך זיין, אַז דאָס שפּילן זאָל העלפֿן דער פּיעסע זיך האַלטן לענגער אויף דער בינע, און באמת איז כדאי צו גיין אין „קונסט־טעאַטער" צו זען אַזאַ אויסגעצייכנטן שפּילן. דאָס וועט פֿאַרשאַפֿן אַ זעלטענעם גענוס יעדן צושויער.

די ראָל פֿון מאַרקוס שפּילט מאָריס שוואַרץ און דאָס איז די איינציקע היבשע ראָלע אין דער שטיק. ער האָט דאָ אַ סך פּויזן און ווי תמיד צייכנט ער זיך אויס אין זיי און ווייזט באַשיינפּערלעך, אַז אַן ווערטער קאָן מען אויך שפּילן. גרשון רובין שפּילט די ראָל פֿון אָנקל דזשייקאָבס. זי איז אַ גאַנץ קליינינקע, נאָר ער קליגט זיך אויסצושלאָגן פֿון איר גאָר גרויסע הוצאות. בערטאַ גערסטען אַלס פֿרוי, בינע אַבראַמאָוויטש אַלס מוטער, מישע גערמאַן אַלס שותף, לוסי גערמאַן אַלס בוכהאַלטערין, אַננאַ אַפּעל אַלס איטאַליענערקע, מוני ווייזענפֿריינד אַלס מאַטראָז, מאַרק שווייד אַלס בערטאָס ברודער, יחיאל גאָלדשמידט אַלס גאַסן־רעדנער, יצחק האָניגמאַן אַלס דאָקטאָר, מייזעל אַלס קעפּטען, בעסי מאָגולעסקאָ אַלס שוועגערין האָבן באַוויזן אויסצוצייכענען זיך אין קליינינקע און גאָר קליינינקע ראָלן".

## אַ ביסל שפּעטער קערט זיך ב. גאָרין ווידער צוריק וועגן דער פּיעסע:

„אין מיין קריטיק איבער „אַנדערש" האָב איך געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם לעזער צו די שפּילער. מיט דער אויסנאַם פֿון שוואַרצן, האָבן אַלע געהאַט קליינע ראָלעכלעך און זיי האָבן אַלע געשפּילט אויסגעצייכנט און אַלע האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זייער שפּילן. ווער האָט געקאָנט ערוואַרטן, אַז אין אַזאַ שטיק, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אַנדערש", וועלן די שפּילער פֿון הויט זיך ניט רייסן צו ווייזן זיך אויף דער בינע גאָר אַנדערש. אָבער זיי האָבן זיך ניט געלאָזט פֿאַרפֿירן און האָבן געשפּילט לויט דעם געדאַנק און די ווערטער, וואָס דער מחבר האָט געהאַט צו ריידן, און עס איז אַרויסגעקומען דאָס נאַטירלעכסטע שפּילן וואָס מען קאָן זען אויף אַ בינע.

אויבערפֿלאַכלעך קאָן אויסווייזן צו קשהדיק [שווערלעך] ווי אַזוי קאָן מען שפּילן נאַטירלעך אין אַ שטיק ווו דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך פֿאַרלאָרן אין אַ כאַאָס, אָבער מען דאַרף ניט פֿאַר־





געסן, אַז די באַזונדערע סצענקעס זיינען געשילדערט ניט נעבלדיק, נאָר גאַנץ לעבעדיק און גאַנץ רעאַליסטיש. און עס פֿרייט אונדז צו זען ווי אַ גאַנצע קאָמפּאַניע צייכנט זיך אויס אין קליינע ראָלן, ווייל דאָ ליגט די ערבות [גאַראַנטיע] פֿון דער צוקונפֿט פֿון אונדזער בינע. דאָס ווייזט אונדז, אַז מיר וועלן שטענדיק געפֿינען די פּאַסנדע שפּילער פֿאַר דער בעסערער דראַמע און איר שיקזאַל וועט ניט דאַרפֿן זיין אָפּהענגיק פֿון איין שפּילער ווי דער פֿאַל איז געווען אונטער דער סטאַר־סיסטעם.

אויפֿן פּראָגראַם פֿון דעם „קונסט־טעאַטער" ביים שפּילן „אַנדערש" איז געווען אַ קליינע נאָטיץ אין זייער דראָבנע אותיות, אַז „די קינסטלער וועלן זיך ניט נייגן פֿאַרן פּובליקום ביזן סוף פֿון דער פּיעסע". דאָס איז זייער אַ לויבנסווערטע זאַך. פֿאַרוואָס [ווייל] אין די בעסערע טעאַטערס אונטער אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכע דירעקציע מיט אַן אמתער אַרטיסטישער אַטמאָספֿערע, ווייזן זיך ניט די אַקטיאָרן ביזן סאַמע סוף, נאָר אין „אַנדערש" האָט דאָס געהאַט נאָך אַ זין. דאָס פֿאַרנייגן זיך פֿון די קינסטלער פֿאַרן פּובליקום האָט געדינט פֿאַר אַ סימן, אַז די פּיעסע האָט זיך געענדיקט און דאָס איז געווען נייטיק, ווייל דער עולם איז נאָך דעם לעצטן אַקט געבליבן זיצן און געוואַרט אויף מער".

## „ניו־יאָרק טיימז" שרייבט [אין דער איבערזעצונג פֿון וואָלף מערקור]:

„אַנדערש", אַ סך פּאַטאָס פֿאַראַן אין דער געשיכטע פֿון אַ סאָלדאַט, וואָס איז משוגע צוליב די מלחמה־שווידערלעכקייטן.

אין „אַנדערש" ווערט אַ צוויי־יאָר צו שפּעטע מעלאָדראַמאַטישע סענטימענטאַלע מלחמה־דראַמע פּרעזענטירט, רייך באַפּוצט מיט נעבנזאַכלעכע ראָלן און סצענעס מיט אויסערגעוויינלעכע בולטע און פּאַטעטיש־הומאָריסטישע חנען.

מאַרקוס, געשפּילט פֿון אויפֿפֿירער, מאָריס שוואַרץ, איז אַ דערפֿאָלגרייכער שניט־קרעמער, וואָס איז געווען אַוועק אויף דער מלחמה. די מלחמה האָט זיך טיף איינגעקריצט אין אים. דער מחבר וואָלט געוואָלט מיר זאָלן גלויבן אין זיין מיינונג, און מאָריס שוואַרץ באַמיט זיך שטאַרק צו באַפֿעסטיקן דעם מחברס כוונה. ער קומט צוריק צו זיין היים, זיין געשעפֿט, זיין פֿרוי, זיין שותף, זיינע פֿריינט, דערוואַרטנדיק צו טרעפֿן אַלץ „אַנדערש". ער וואָגלט אַרום מיט דראַמאַטיש טונקעלער שטילקייט ביי זיין סורפּריז־פּאַרטי און פֿאַרענדיקט מיט אַ קריכנדיקער סצענע ביי זונקעלען ליכט ווען ער פֿאַרלאַנגט פֿון זיין פֿרוי, מיט וועלכער ער בלייבט ענדלעך אַליין, צו מאַכן פֿאַר אים אַ געלעגער אין עסצימער, זאָגנדיק: „דו ביזט די זעלבע און אַלץ מיטאַנאַנדער איז אוממעגלעך, ווייל איך בין אַנדערש". די סצענע, און איינע אין צווייטן טייל פֿון דער פּיעסע, ווען אַן איטאַליענישע פֿרוי קומט קויפֿן אַ העמד פֿאַר איר מאַן, מאַכן אַ טיפֿן איינדרוק. אין די אַנדערע סצענעס זיינען די פֿאַרזוכן צו באַווייזן דעם גרויל פֿון דער מלחמה און זייער ווירקונג אויף אַ סענסיטיווער נשמה, די באַנאַליטעטן און קליינלעכקייטן פֿון „נאָרמאַלער" מענטשלעכער עקזיסטענץ און דער באַגער פֿאַר פֿיינערע לעבנס־געשעענישן בלויז נעפּלדיק און צעשוווּמענע. זיי דערמאָנען בלויז אין בערנהאַרדס עמאָציאָנעל ציילן פֿון איינס ביז הונדערט.

פֿון דער אַנדערער זייט, די דעטאַלן פֿון דער סורפּריז פּאַרטי, די אויפֿגעבראַכטקייט פֿון דעם בוכהאַלטער קעגן מאַרקוסן צוליב

זיין פאַרנאַכלעסיקן דעם זאַפּאַס סחורה און זיין „ניט דזשענטעלמעניש" באַציונג, דאָס איגנאָרירן איר אָנוועזנהייט, מר. דזשייקאָבס ערלעכע און קלוגע געשעפטמעסיקע האַנדלונג לטובת מאַרקוסעס ווילזיין אין געשעפט און נאָך אַ האַלב טוץ ענלעכע סצענעס און כאַראַקטעריזאַציעס, דערמאָנען אָפטמאָל, דורך זייער ביי־סנדיקער איראָניע און צאַרטער פאַרשטענדעניש, אין סינקלעיר לואיסן אין זיין בעסטער שאַפונג.

די פּיעסע ענדיקט זיך נאָכדעם ווי מאַרקוס האָט פאַר־לאָזט זיין פרוי, געשעפט און מוטער מיט זיינע צעשוומענע משוגעתן אין די גאַסן, איז געוואָרן אַרעסטירט און באַפרייט ווען זיינע קרובים באַהויפּטן, אַז ער איז משוגע. ער צינדט אונטער זיין געשעפט נאָך אַ סימבאָלישער סצענע מיט זיינעם אַ מלחמה־חבר און אַן אימפּרעסיאָניסטישער כאָר פון מאַרינערס באַוויזן, אַז אַפילו דער צוריקגאַנג צו דער גרויזאַמקייט פֿון מלחמה איז ניט קיין לעזונג צו דעם פּראָבלעם.

די אַקטיאָרן זיינען ווונדערלעך צונויפגעקליבן און זיינען אויסערגעוויינלעך גוט".

## „דער רעוויזאָר"



**דעם 6 אָקטאָבער 1922 ווערט א'ר פֿון וול. ווייסקאָפּסקי אויפגעפירט „דער רעוויזאָר" פֿון גאָגאָל, איבערזעצט פֿון ז. סעגאַלאָוויטש.**

**אב. קאַהאַן שרייבט:**

„אין שוואַרצס טעאַטער ווערט געשפּילט איינע פון די מערקווירדיקסטע זאַכן אין דער רוסישער ליטעראַטור, די גרעסטע קאָמעדיע, וואָס איז ווען געשאַפן געוואָרן אויף דער רוסישער שפּראַך, און אפשר אויך אויף אַלע שפּראַכן — גאָגאָלס „רעוויזאָר". אין רוסלאַנד איז ניטאָ קיין סקול־קינד, וואָס זאָל מיט דיזן ווונדערבאַרן לוסט־שפּיל ניט זיין גוט באַקענט אָדער זאָגאַר קענען גאַנצע שטיקער אויף אויסווייניק. פילע ווערטלעך פון דיזער פּיעסע זיינען אַריין אין דער רוסישער שפּראַך און ווערן געברויכט פון אינטעליגענטע מענטשן אין זייער טעגלעכן לשון. גאָגאָל איז געווען איינער פון די ווונדערבאַרסטע טאַלענטן, וואָס האָבן געהאַלטן אַ פּעדער אין האַנט זינט די וועלט שטייט. ער איז געווען אַ גרויסער פּאָעט און אַ גרויסער הומאָריסט.

ווען מען זאָל זאָגן, אַז זיין „רעוויזאָר" איז פול מיט הומאָר, וואָלט געווען ווייניק. יעדע סצענקעלע אין דיזן שטיק, יעדע באַוועגונג אין איר רופט אַרויס אַ קראַך פון געלעכטער. יעדער שריט, וואָס דער דראַמאַטורג מאַכט, איז אַ מערקווירדיקער איינפאַל, פול מיט לוסטיקייט. די אַלגעמיינע סיטואַציע, דער עיקר פון דעם אינהאַלט איז אַזעלכער, וואָס גיט אומבאַשרענקטע מעגלעכקייטן צו שאַפן שפּאַס. די קאָמעדיע איז אַ סאַטירע אויף דער קאָרופּציאָן און די אידיאָטסטוואָ פון די רוסישע טשינאָווניקעס [באַאַמטע] פון יענע צייטן (זי איז געשריבן געוואָרן אין די דרייסיקער יאָרן פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט).

...גאָגאָל איז איינער פון די גרויסע גאונים אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַרישער קונסט, און די בינע האָט ער אויך פאַרשטאַנען אויף אַ גאונישן שטייגער. ווי שוין געזאָגט, איז יעדער קער, וואָס די קאָמעדיע טוט זיך, יעדע פראַגע און יעדע



אַנטוואָרט אין איר איז פול מיט שפּאַס פון דעם סאָרט פון וועלכן דער עולם מוז קייכן פון געלעכטער.

די פּיעסע אין שוואַרצס טעאַטער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון אַ רוסישן רעזשיסער, וועלכער האָט געהאַט פיל ערפאַרונג אין זיין פאַך אין אַ באַקאַנטן טעאַטער אין מאָסקווע. וולאַדימיר ווייסקאָפּסקי איז זיין נאָמען. אים קומט אַ גרויסער קאָמפּלימענט. ער האָט די פּיעסע אויפגעפירט אויף אַ גלענצנדן שטייגער. די קאָסטיומען און די גאַנצע אויפפירונג פאַרדינען די לויב־ווערטער.

די צוויי וויכטיקסטע ראָלן אין דער פּיעסע זיינען די ראָלן פון כלעסטיאַקאָוו און פון דעם גאָראָדניטשי. אַלס כלעסטיאַקאָוו שפּילט שוואַרץ און ער איז ווירקלעך אויסגעצייכנט. מיר זאָגן דאָס פון גאַנצן האַרצן. פיליכט איז זיין כלעסטיאַקאָוו ענלעך צו דעם ווי דער טיפּ וואָלט געשפּילט געוואָרן פון אַ דייטש, אָבער ער כאַפּט דעם ריכטיקן טאָן און ער האַלט זיך זייער גוט. איר ווערט אַזוי צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז דאָס איז כלעסטיאַקאָוו, און שוואַרץ ווערט אין אייער איינבילדונגס־קראַפט צוזאַמענגעגאָסן מיט דער פּיעסע. ער איז איבערהויפּט אינטערעסאַנט און צוציענד אין דיזער ראָלע, אַ שיינער יונגער פריץ, אַ שיינער כלעסטיאַקאָוו. סניעגאָוו שפּילט אויך גוט. אַזוי ווי ער איז אַליין אַ רוסישער אַקטיאָר, איז ער נאַטירלעך גוט באַקענט מיט דיזער פּיעסע, און דאָס זעט איר פון זיין האַלטן זיך. ער שפּילט אַ ביסל צו שווער און ער איז צו טעטיק אין זיין ראָלע. ער אַרבעט צו ענערגיש, אויב איך קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, און דעריבער איז דער רעזולטאַט זייער אָפט מעלאָדראַמע אָנשטאָט קאָמעדיע. אָבער דאָס קאָן באַזייטיקט ווערן. ער דאַרף נאָר שפּילן ניט אַזוי האַסטיק, ניט שרייען אַזוי, ניט וואַרפן זיך אַזוי איבערנאַטירלעך.



נאָך אַ חסרון איז פאַראַן, און דאָס קאָן אויך באַזייטיקט ווערן. אַזוי ווי ער טרייעט [באַמיט זיך] פאָרצושטעלן ווי דער גאָראָדניטשי רעדט אויף רוסיש, פֿאַרגעסט ער, אַז דיזע רוסישע טענער און שפּראַך־מאַניערן פּאַסן ניט אימער צו די יידישע ווערטער. און אָנשטאָט צו העלפן, שטערט דאָס זייער שטאַרק. אין דיזער פּיעסע איז ביי אים די אויסשפּראַך אַזעלכע, וואָס פילע פון די בעסטע שטעלן ווערן פאַר דעם פּובליקום פאַרפאַלן. די צווייטע העלפט פון דער פראַזע ווערט ביי אים אַרויסגעשעפּטשעט אַזוי, אַז עס דערגייט ניט צום עולם, און די פראַזע איז אָפט גראָד אַזעלכע, וועלכע איז זייער וויכטיק צו דעם הומאָר. אין אַזעלכע פעלע ווערט דער באַרימטער גאָגאָלשער הומאָר פאַרלאָרן. מיר וועלן געבן אַ ביישפּיל: ווען דער גאָראָדניטשי זאָגט צו די אַנדערע טשינאָווניקעס אויפן אויער מיט אַ געלעכטערל: „ער האָט ביי

מיר געבעטן פיר הונדערט און איך האָב אים אַריינגעשטופּט 8 הונדערט", איז די צווייטע העלפט פון דער פראַזע געווען אַזוי אַרויסגערעדט מיט אַ רוסישן באַס, אַז עס איז אומעגלעך געווען צו דערהערן, און דורכדעם איז דער גאַנצער באַרימטער שפּאַס פאַרלאָרן געוואָרן. מיר וועלן נעמען אַזאַ ביישפּיל: ווען אַן אינטעליגענטער רוס וויל צו איינעם זאָגן: „וואָס קאָכסטו זיך אַזוי?", זאָגט ער אָפּט „אַלעקסאַנדער מוקדון איז טאַקע געווען אַ העלד, אָבער צו וואָס דאַרף מען ברעכן די שטולן?". דאָס איז גענומען פון גאָגאָלס „רעוויזאָר". פון דעם גאָראָדניטשיס ווערטער ווען ער שילדערט ווי אַ לערער לערנט היסטאָריע אין גימנאַזיע. דער לערער קאָכט זיך אַזוי, אַז ער צעברעכט אַ שטול. דיזע סצענע מאַכט הער סניעגאָוו דורך מיט אַ מעלאָדראַמאַטישקייט, ער שרייט און לאַרעמט אַזוי (אַלץ אין דער ראָלע פון דעם גאָראָדניטשי, ניט פון דעם לערער), אַז דער וואָס איז ניט באַקענט מיט דער פּיעסע, קאָן ניט כאַפּן דעם הומאָר, דעם זאַפט פון די ווערטער. מיר זאָגן נאָך אַמאָל: הער סניעגאָוו קען די פּיעסע גוט און ער שפּילט זיין ראָלע מיט געניטקייט. מיר ראַטן אים אָבער, אַז ער זאָל דורכויס האָבן אין זינען, אַז ער שפּילט דאָ פאַר אַ יידישן עולם און אויף יידיש. ער דאַרף זען, אַז יעדע וויכטיקע שטעלע, יעדער שטיקל הומאָר זאָל ביי אים אַרויסקומען קלאָר און דייטלעך אַזוי, אַז דער יידישער עולם זאָל זיינע ווערטער גוט פאַרשטיין און וויסן וואָס דאָ איז. דורך דעם וואָלט דער ווערט פון זיין שפּילן אין דער פּיעסע פאַרטאָפּלט געוואָרן.

דיזער פּונקט ערינערט מיך אָן דעם גרויסן חסרון פון וועלכן עס ליידט די איבערזעצונג. זי איז געמאַכט געוואָרן אָן שכל. פילע פון די פראַזן זיינען איבערזעצט ווערטלעך, און דער רעזול־







טאַט איז, אַז אויף יידיש האָבן זיי ניט קיין שום טעם. דורך דעם ווערט פאַרלאָרן פיל פון דעם בעסטן הומאָר וואָס דיזע פּיעסע פאַרמאָגט. אָט איז אַ ביישפּיל: אויף רוסיש זאָגט מען „ווי סמייעסטו?", און אַזוי זאָגט מען אויך אויף יידיש. נו, האָט דער איבערזעצער געמאַכט: „ווי וואַגסטו?", און די פראַגע פאַרלירט דעם זין. נאָך אַ ביישפּיל: ווען אַ פּראָסטער רוס רעדט זייער אונטערטעניק מיט אַ העכערן מענטשן, זאָגט ער אויף יעדן וואָרט „טאָטשנאָ טאַק". עס איז דאָסזעלבע ווי אַ נעגער זאָגט „יעס סער" אויף יעדן וואָרט וואָס אַ ווייסער זאָגט צו אים. אויף יידיש איבערגעגעבן ווערטלעך „גאַנץ ריכטיק", און דורכדעם קומט אַרויס אַ לעכערלעכער פלאָנטער. כלעסטיאַקאָוו דערציילט עפּעס צום פּאָסטמייסטער, און יענער ענטפערט „גאַנץ ריכטיק, גאַנץ ריכטיק" אין אַזאַ פאַל וווּ עס פּאַסט ווי אַן אַרבעס צום וואַנט. אויף יידיש וואָלט ער אפשר געזאָגט „יאָ, יאָ" מיט אַ זייער אונטערטעניק שמייכעלע. דאָס זיינען נאָר סעמפּעלס [מוסטערן]. ווען איך בין געווען אין טעאַטער, איז אַ היבשער טייל פון פּובליקום באַשטאַנען פון רוסישע יונגעלייט און פרויען, וועלכע זיינען מיט דער פּיעסע גוט באַקענט פון דער היים. אָבער די אַנדערע האָבן אויך פאַרשטאַנען דעם עיקר און זיי האָבן אויך אַרויסגעצייגט אַן אומגעהויערן אינטערעס און פאַרגניגן. איין מאָל כאַפּן זיי די אַלגעמיינע לאַגע, וועלכע ווערט פאָרגעשטעלט, פאַרשטייען זיי שוין די אַלע שפּאַסיקע איינצלהייטן, און עס גייט ניט אַוועק אַ מינוט, אַז עס זאָל ניט אויסברעכן אַ שטורם פון געלעכטער. די אויפפירונג פון דער פּיעסע דאַרף באַצייכנט ווערן אַלס איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע פון דער יידישער בינע.

מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן שוואַרצן און סניעגאָוון. די אַנדערע אַקטיאָרן, אין אַלגעמיין גענומען, האָבן אויך געשפּילט זייער צופרידנשטעלנד. וואָס אָנבעלאַנגט מוני וויזענפריינד אין דער ראָלע פון אָסיפּ, איז ער געווען אויסגעצייכנט. אין דער ערשטער סצענע ווו ער ליגט און רעדט צו זיך אַליין, האָט ער ניט געקאָנט מאַכן דעם געווונטשטן איינדרוק. צו ריידן צו זיך אַליין איז איבערהויפּט ניט קיין נאַטירלעכער עסק, דערצו נאָך איז דער אַמעריקאַנער געבוירענער וויזענפריינד [וויזענפריינד איז נאָר אויפגעצויגן אין אַמעריקע, אָבער געבוירן און געהאַט זיין יוגנט אין לעמבערג, גאַליציע — ז. ז.] מיט דעם כאַראַקטער און מיט דעם ריידן פון אַזאַ חברה־מאַן ווי אָסיפּ ניט באַקענט. ווייטער אָבער רעדט אָסיפּ ניט קיין סך. ער גייט אַרום, ער זאָגט אַ פּאָר ווערטער און מייסטנס שווייגט ער קלוג, און מיט זיין אַרומגיין, מיט זיינע פּאָר ווערטער און מיט זיין שווייגן, האָט וויזענפריינד אויפגעמאָלן אַן אינטערעסאַנטן איינדרוקספולן בילד. מיר לויבן אים כמעט יעדן מאָל ווען אונדז קומט אויס צו ריידן וועגן זיין שפּילן, און דאָס טוען מיר איצט אויך פון גאַנצן האַרצן.

די כאַלאַסטריע פון די קאָרופּטע טשינאָווניקעס איז געשפּילט געוואָרן פון רובין, מייזעל, גערמאַן און האָניגמאַן. זיי זיינען אַלע אין סך הכל געווען צופרידנשטעלנד. גערמאַן האָט אַ היבש ביסל צו טאָן און ניט אימער האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוברענגען

דעם ריכטיקן עפעקט. ער שילדערט, צום ביישפּיל, ווי דער יצר הרע האָט צו אים געשריען: „עפן, עפן אויף דעם בריוו“, און דער יצר טוב האָט געשריען אין זיין אַנדערן אויער: „עפן ניט אויף! עפן ניט אויף!“ דאָס איז ביי אים כמעט ווי פאַרלאָרן געגאַנגען. ביי דיזער סצענע דאַרף דאָס טעאַטער דונערן מיט געלעכטער. אין אַלגעמיין אָבער איז ער געווען נישקשה. רובין, וועלכער איז וואַרשיינלעך גוט באַקענט מיט דער פּיעסע פון פריער, האָט זיין ראָלע דורכגעפירט גאַנץ געראָטן. מייזעל און האָניגמאַן זיינען געווען אָלרייט.

די פרויען, מיס אַפּעל און מיס גערסטען, האָבן ביידע געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. מיס אַפּעל האָט גענומען אַ ביסל אַ צו הויכן טאָן. אַזוי אָבער איז זי געווען ערפאָלגרייך. מיס גערסטען איז אין דיזער ראָלע געווען ספּעציעל ערפאָלגרייך. זי האָט זיך געהאַלטן גוט נאָך דער ראָלע נאָך, און דער טאָן פון איר ריידן איז אויך געווען זייער אַ געלונגענער, אַלץ לויט דער ראָלע.

אַלס דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי האָבן געשפּילט שווייד און גאָלדשמידט. גאָלדשמידט האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט. שווייד האָט אויף דיזן אופן געזינדיקט ווייניקער, אָבער גאַנץ געראָטן איז ער אויך ניט געווען. פיליכט האָט מען די גאַנצע צווילינג־ראָלע באַדאַרפט אַ ביסל אַנדערש אָוועקשטעלן, דאָך שטערן האָבן דיזע צוויי גענייטע אַקטיאָרן ניט געשטערט.

עס קומט אַריין אַ פרוי און מאַכט אַ גוואַלד, אַז מען האָט ביי איר צוגענומען איר מאַן און אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, דערנאָך קומט אַריין די באַרימטע אלמנה פון אַן אונטער־אָפיציר וועמען דער גאָראָדניטשי האָט אָפּגעשמיסן און אויף וועלכע ער זאָגט איצט, אַז זי האָט זיך אַליין אָפּגעשמיסן. די ערשטע ראָלע שפּילט מרס. גערמאַן און די צווייטע — מיס מאָגולעסקאָ. דער עפעקט פון דיזע צוויי סצענען איז געווען אַ ריכטיקער“.

## אַקסעל שרייבט:

„צי עס וועט לאַנג אָדער ניט לאַנג גיין די פּיעסע, וואָס ווערט איצט געשפּילט אין דעם נייעם טעאַטער, אָבער דער פאַקט אַליין וואָס אויף אַ יידישער בינע האָט מען אויפגעפירט אַ ווערק, וואָס איז שוין לאַנג קלאַסיש, דאָס מיינט, וואָס איז געשריבן פאַר מענטשן פון אַ געוויסער עפּאָכע, און וואָס באַהאַנדלט די באַציִונג פון מענטשן אין אַ געוויסער עפּאָכע, וועט אָן צווייפל פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער דאָ אין לאַנד אַלס אַ שריט פאָרווערטס. דאָס וועט ציינן, אַז דער קאַמף פון דעם בעסערן עלעמענט צווישן די יידן דאָ אין לאַנד, וואָס האָט געאַרבעט פאַר אַ בעסערער, ריינער קינסטלערישער בינע, איז ניט געגאַנגען פאַרלאָרן.

עס איז מעגלעך, אַז „רעוויזאָר“ זאָל צוליב גאַנץ אָביעקטיווע אורזאַכן ניט האָבן קיין גרויסן ערפאָלג דאָ ביי אונדז אין לאַנד, ווייל דאָס יידישע פּובליקום איז אין הינזיכט פון דראַמע גאַנץ פאַרשיידן למשל פון די ענגלענדער, דייטשן אָדער פראַנצויזן. דאָרט ווערט שעקספּיר שטודירט אין יעדער שולע. יעדעס קינד זאַפּט אין זיך אַריין די וווּנדערלעכע פּאָעזיע פון איר גרעסטן דראַמאַטישן שאַפער. געטע, שילער, ווערן געלערנט אין די דייטשע שולן און יעדעס וואָרט פון די דאָזיקע דיכטער ווערט איינגעקריצט אין זכרון פון יעדן בירגער. דאָס איז דער גרויסער קולטורעלער אוצר וועלכן דאָס גאַנצע פאָלק האָט געירשנט. דערפאַר ווען מען שפּילט „האַמלעט“, „פאָוסט“, איז עס נאָנט



צו יעדן, פאַרשטייט מען עס און מען לעבט איבער דעם גרעסטן גייסטיקן גענוס, ווייל דאָס איז אַן אָפּקלאַנג פון יעדנס פריעסטע יוגנט.

אונדזער פאָלק האָט ניט געהאַט די געלעגנהייט אין דער יוגנט צו לערנען ניט די אייגענע און ניט די פרעמדע דיכטער. ...וויפיל יידן וויסן פון דעם רעוויזאָר“? ...ווי זשע איז מעגלעך אַז די דאָזיקע פּיעסע זאָל האָבן ביי אונדז אַן ערפאָלג? ...עס איז געווען צו ערוואַרטן, אַז די קאָמעדיע פון דעם גרויסן רוסישן סאַטיריקער זאָל ליידן אויך פון דעם וואָס עס איז ניט מעגלעך איבערצוגעבן אין אונדזער יידיש די רוסישע שפּראַך פון יענע מענטשן ווי זיי האָבן גערעדט אין אָנפאַנג פון נייַנצטן יאָרהונדערט. די שפּראַך פון „רעוויזאָר“ איז אַלט רוסיש, פאָלקסטימלעך. אונדזער יידיש איז דאָך ניי־מאָדערן און עס דערלאָזט ניט די אַלטע אידיאָמען. ...פינף און זיבציק פּראָצענט מוז פאַרלוירן גיין פון אַזאַ ווערק ווי „רעוויזאָר“ ווען מען זעצט עס איבער אין יידיש. עס קומט אַרויס צו נעבעכדיק, צו שוואַך, צו רחמנותדיק. די גאַנצע זאַפט פון יענעם סטיל ווערט פאַרלאָרן.

דאָך איז אין קינסטלערישער הינזיכט דאָס שפּילן, די אויפפירונג און דער גאַנצער טאָן אָן ספק אַן ערפאָלג. ...די גרויסע פאַרדינסט פון דער קאָמפּאַני אין דעם „קונסט־טעאַטער“ איז, וואָס מען האָט פאַרשטאַנען אונטערצושטרייכן דאָס אַלמענטשלעכע אין די טיפּן און כאַראַקטערן. דער גאַנצער אופן פון שפּילן איז מאָדערן, און דערצו האָט מען ניט פאַרטרונקן דעם באַזונדערן גאָגאָלשן סטיל, וואָס מאַכט זיינע ווערק אַזוי ליב און טייער ביי יעדן מענטשן מיט אַ קינסטלערישן געשמאַק. די קאָמפּאַני איז אַריבערגעקומען די שטימונג צוליב דער שפּראַך. כאָטש אין יידיש, איז עס אָבער פּאָרט געווען גאָגאָל. עס איז געווען דער „רעוויזאָר“, וועלכן מיר זיינען געווינט געווען צו מאָלן זיך לייענענדיק דאָס ווערק און אָט אין דעם ליגט דאָס גרויסע פאַרדינסט פון דעם „קונסט־טעאַטער“. דאָרט קאָן פּאַסירן, אַז מען זאָל נעמען אַ ווערק, וואָס באַלאַנגט צו אַ געוויסער נאַציאָן, צו אַ געוויסער עפּאָכע, און מאַכן פון דעם עפּעס ווערטפולעס, גרויסעס, קינסטלערישעס, און געטאָן געוואָרן איז עס דורך דעם האַרמאָנישן שפּילן פון אַלעמען. יעדער האָט באַגריפן דאָס וואָס ער אָדער זי דאַרף טאָן. דאָ איז ניט קיין פראַגע ווער עס איז געווען בעסער און ווער ערגער, וואָס מען האָט געטאָן און וואָס מען האָט ניט געטאָן. מען מוז נעמען די פאָרשטעלונג אַלס אַ גאַנצע און דאַן איז מעגלעך צו זען וואָס פאַר אַ גרויסע אַרבעט עס איז אויפגעטאָן געוואָרן, ווייל סיי סניעגאָוו אַלס גאָראָדניטשי, סיי שוואַרץ אַלס כלעסטיאַקאָוו, סיי שווייד און גאָלדשמידט אַלס באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי, ווייזענפריינד אַלס דינער, רובין אַלס דער מסור אַרטעמי פיליפּאָוויטש, בערטאַ גערסטען אַלס דאָס טעכטערל, מאַדאַם אַפּעל אַלס דעם גאָראָדנישטיס ווייב, און די אַנדערע האָבן נאָר געשפּילט אויף אַזויפיל אויף וויפל עס איז נייטיק געווען אַרויסצוברענגען דעם באַזונדערן אייגנטלעכן כאַראַקטער, די נשמה פון דער קאָמעדיע „רעוויזאָר“, און דערפאַר איז עס געווען אַ פּראַכטפולע פאָרשטעלונג“.

## דוד וואַרשאַווסקי שרייבט:

„...געשפּילט ווערט „רעוויזאָר“ גלענצנד. די קרוין פון שפּיל זיינען אָבער דריי: שוואַרץ־כליעסטאַקאָוו, ווייזענפריינד — אָסיפּ און סניעגאָוו — דער גאָראָדניטשי. אָט איז כליעסטאַקאָוו, דער

יונגער פריילעכער, זאָרגלאָזער פּאַניטש, נאָר אויף אַ רגע אומעטיקער, פאַרחלומטער, שפּילעוודיקער, וואָס שטייט מיט טויזנט קעפּ העכער פון דער גאַנצער כאַלאַסטריע, אַפילו ווען ער שטייט פאַר דער שרעק צו ווערן אַרעסטירט, זעט איר ניט דעם קנעכט אין אים ווי אין די איבריקע קליינשטעטלדיקע מושלים. שפּילעוודיק, טרוימעריש, אָפּט לייכטזיניק, קונדסדיק. אַזעלכער איז כליעסטאַקאָוו און שוואַרץ שפּילט אים אַזוי גלענצנד. דער גאַנצער עולם איז גאָר שפּילעוודיק ביי אים. מייסטערהאַפט. און אָט איז סניעגאָוו דער גאָראָדניטשי. ער גייט איבער דער שטוב און איר זעט, אַז אַ שטאָט ציטערט פאַר אים. פון זיין גאַנג זעט איר, אַז די שטאָט איז אונטער זיינע קנעכל און אָט קריכט ער אונטער אַן אַנדערנס קנעכל, ווערט גאָר נידריקער פון גראָז, ווערט איינגעשרומפּן. דער קליינטשטעטלדיקער קנעכט־הערשער אויסגעגאָסן און אויסגעטאָקט. איר זוכט שפּעטער און פרעגט: וואָלט אַן אַנדערער דאָ געקאָנט שאַפן אַזאַ גאָראָדניטשי? סניעגאָוו איז דאָך אַזוי אויסגעצייכנט! מוני ווייזענפריינד? דער יונגער אַרטיסט וואַקסט אַלץ העכער און העכער אין יעדע נייע ראָלע, וואָס איר זעט אים. ער איז אַ קוואַל פון שאַפן. ווי בריליאַנט ער שאַפט דעם רויִקן, כיטרען פויער, אַ פויער אין יעדן טראָפּן בלוט. אַ פיין־דורכגעטראַכטן טיפּ גיט מאַרק שווייד. ער שאַפט אַ דאָבטשינסקי וואָס איר דערקענט און זעט, און אומעטום איז ער, אַ פּלוידערער, אַ ליידיק־גייער און שפּינוועבסוועבער. אַ הויז אויפן ים־בויער. אַ דאָבטשינסקי, וואָס ציט אייער אויג, וועקט אַ געדאַנק אין אייך. פיין, דין, סטיליזירט שפּילט מאַרק שווייד. זיין שותף גאָלדסמידט איז עס אָבער ניט. ער שאַפט ניט קיין באָבטשינסקי. אַפילו אויף אַ רגע ניט. מעג ער גיין פונקט דיזעלבע מלבושים וואָס דאָבטשינסקי, איז ער אַלץ ניט קיין באָבטשינסקי. ער איז ניט דער שותף. אָפּט שטערט ער נאָך דאָבטשינסקין. ניט קיין דאָבטשינסקי. ער שאַפט גאָרניט. מען זעט גאָרניט אין אים. גאַנץ גוט איז בערטאַ גערסטען, די יונגע טאָכטער דעם גאָראָדניטשיס. זי שאַפט די קליינשטעטלדיקע נאַיווע און שוין גאָרניט נאַיִווע מיידל. מאַד. אַפּעל שפּילט גוט די גאָראָדניטשיכע. אַזוי איז זי אַ רוסישע „יידענע״, ניט קיין יידישע, נאָר אַ רוסישע. עס איז אָבער דאָ אַ סך שותּפותדיקעס ביי די „יידענעס״, ווייבער פון דעם מין ביי אַלע אומות. גוט אין רומל זיינען אויך רובין און מייזעל. עס שפּילן אין „רעוויזאָר״ אויך בעסי מאָגולעסקאָ, לוסי גערמאַן, מישע גערמאַן און י. האָניגמאַן. סך־הכל: ווער עס וויל האָבן אמת הנאה, ווער ס׳וויל לאַכן פון גאַנצן האַרצן, לאַכן פון דער אייגענער קאָמעדיע, מוז גיין זען דעם „רעוויזאָר״ אין קונסט־טעאַטער״.

## דער לעבעדיקער שרייבט:

„געזען דעם „רעוויזאָר״ און געלייענט די קריטיק פון די צוויי ק. (— קאָראַלניק און קאַהאַן) און פֿון די צוויי לאַנגע נונען (אָלגין און גאָרין), און אַלע זיינען זיי באַגייסטערט: מען לויבט די קאָמעדיע, מען לויבט דעם פאַרפאַסער, מען לויבט דאָס שפּילן און די רעזשי, אויב מען טאַדלט, איז דאָס בלויז אַ קאַפּעטשקע די איבערזעצונג (עמעצן מוז מען דאָך טאַדלען!). און נישט סתם מען לויבט, נאָר מען רייסט זיך לויבנדיק. און איך? מיר, געפעלט אויך די קאָמעדיע (ווי קען זי נישט געפעלן?). איך האַלט אויך, אַז מען שפּילט גוט דעם „רעוויזאָר״ אין „קונסט־טעאַטער״, און אַז די רעזשי פון דעם הער וויסקאָווסקי איז אַ טאַלענטפולע. אָבער דאָך





קאָן איך נישט אַריינפאַלן אין דר. קאָראַלניקס קעלבערנע „אָט־אַזוי״־התפעלות און אויך נישט אין אב. קאַהאַנס ציגענעם שפּרינג קדוש פאַר אַלץ, וואָס איז רוסיש... איך גלויב, ווי גאָגאָל אַליין דריקט זיך אויס: אַלעקסאַנדער פון מוקדון איז טאַקע געווען אַ גרויסער מענטש, אָבער צו וואָס ברעכן שטולן. גאָגאָל איז אַ גרויסער שריפטשטעלער, סאַטיריקער־דיכטער, א.אַז.וו., אָבער איבערכאַפּן די מאָס, ווערן היסטעריש דאַרף מען נישט... מאָדנע געדאַנקען קריכן מיר אין קאָפּ. אונדזער אינטעליגענץ, מישטיינס געזאָגט, איז ווי אַ סטאַדע שאָף: זי מעקעט אַלעמאָל מיט אַ סטאַדע אינטעליגענץ: זי מעקעט אויך מיט איין מעקריטיק... מען אורטיילט ביי אונדז אין כאָר. מען פאַרורטיילט אין כאָר. מען איז ביי אונדז באַגייסטערט סטאַדעמעסיק און מען רייסט ביי אונדז אַרונטער אין סטאַדע...

„אַנדערש״ — איז „שלעכט״. איז עס שלעכט ביי אַלעמען — ביי קאַהאַנען ווי ביי דינגאָלן, ביי אָלגינען ווי ביי קוסמאַנען; „רעוויזאָר״ איז גוט, איז אויך ביי אַלעמען. איין כאָר פון לויב־געזאַנגען. איין גרויסער לויב־געזאַנג — „מע״... אונדזער טעאַטער־קריטיק פעלט אינדיווידואַליזם, אַן אייגענע מיינונג, אַ זעלבסטשטענדיק דענקען. ביי אונדז זיינען שוין בכלל דאָ אָנגענומענע שאַבלאָנען בנוגע טעאַטער־שטיקער: שפּילט מען אַ רוסישע זאַך, מוז עס זיין גוט. אַלץ, וואָס איז רוסיש, איז גוט, גרויס, געניאַל: אַי, טשעכאָוו! אַי, גאָגאָל! און, פאַרקערט, אַלץ, וואָס מיר האָבן אַליין ביי אונדז, איז שלעכט, שוואַך, נישט פאַרענדיקט און נישט דערוואַקסן... אָט אַזוי איז עס!... מען דאַרף זיך באַפרייען פון דידאָזיקע אַלע שאַבלאָנען! מען מוז זיך שטעלן אויף די אייגענע פיס! איך גלייב אויך, אַז „רעוויזאָר״ איז אַ פיינע קאָמעדיע, כאָטש אַ קאַפּיטשקע פאַרעלטערט פונקט ווי מאָליערס „דאָן־זשואַן״ און „טאַרטיוף״, אָבער אַ פיינע קאָמעדיע. מיר האָבן אָבער ביי אונדז אין רעפּערטואַר אויך עטלעכע פיינע קאָמעדיעס, און דווקא מיט אַ יידישן אינהאַלט און מיט יידישן חן, און דווקא נייערע. למשל, איך האָב קיין מורא נישט צו זאָגן, אַז דוד פּינסקיס קאָמעדיע „דער אוצר״ איז כמעט אַזוי גרויס ווי גאָגאָלס „רעוויזאָר״, כאָטש פּינסקי לעבט נאָך און איז אונדזערער, און איז אַ ליטוואַק און נישט קיין אוקראַ׳נער. און אויך שלום־עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד״ איז אַ קאָמעדיע פון גרויסן שניט. און אַפילו „לאַנדסלייט״ פון בערקאָוויטש קאָן מען אויך נישט אַוועקמאַכן...

איך האָב נישט ליב די פּוסטע פראַזעאָלאָגיע פון אונדזער טעאַטער־קריטיק, די פּרעס־אַגענטורעריי אַ־ום זאַכן... און דאָסזעלבע איז אויך בנוגע דאָס שפּילן, דאָס אויפפירן. אמת, גאָגאָלס „רעוויזאָר״ איז אויפגעפירט גוט, כמעט עכט, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, אָבער אויך דאָס איז נישט קיין נייעס. איך האָב שוין געזען גוטע אויפפירונגען אויך פריער אין שוואַרצס טעאַטער, פון גאָרקי און טשעכאָוו, למשל... און אַפילו הירשביינס זאַכן... אונדזער טעאַטער־קריטיק דאַרף נישט ספּעציעל פאַרגעסן זאַכן, כדי אַלעמאָל אָנהייבן פון בראשית. קורץ: עס הערשט צופיל קני־בויגעניש און, אַנטשולדיקט, אַ היפּש ביסל לעקעריי פאַר פרעמדס און צו פרעמדס ביי אונדז. און דערפאַר צו ווייניק אַכטונג פאַר אייגנס! און דערפאַר אַן אַרונטערקוקן פֿון אַ וואול־וואָירט־בילדינג, הויך אויף אונדזערע אייגענע.

מיר טאָרן זיך נישט באַנוגענען מיט דעם, וואָס די קאָראַלניקס באַנוגענען זיך! פאַר דר. קאָראַלניק, דער, וואָס שפּילט דעם פרעמדן ביי אונדז, פאַר אים, וואָס שרייבט „איר האָט טאַלענטן״, אַנשטאָט

„מיר האָבן טאַלענטן", פאַר אים, וואָס טוט אַ פּערזענלעכע טובה די יידישע טראָטואַרן פון איסטבראָדוויי, וואָס ער גייט זיך אויף זיי דורך אַ פּאָר מאָל אין טאָג, פאַר אים דאַרף עס זיין אַזוי, פאַר אים קאָן אַנדערש נישט זיין.. פאַר אים איז גענוג דער פאַקט אַליין: אַז מען שפּילט פרעמדע זאַכן ביי אונדז, אַז מיר זיינען אַזוי אָרעם, אַז מיר מוזן אָנקומען צו אַזעלכע אַלטע זאַכן ווי גאָגאָלס „רעוויזאָר". ער האָט ליב אונדזער דערנידערונג, דער דר. קאָראַלניק, און דערפאַר פרעגלט ער זיך פון „רעוויזאָר" און בכלל פון איבערזעצונגען... אָבער מיר, יידישע מענטשן, מוזן וויסן, אַז אויב יידיש טעאַטער וועט האָבן אַ קיום, איז דאָס דווקא נישט פון פרעמדס, נאָר דווקא דורך אייגענע, יידישע זאַכן, און מעגן זיי זיין אַפילו אַ סך שוואַכער ווי די פרעמדע. און נאָך אַ געדאַנק ווילט זיך מיר פאַרצייכענען: אונדזער טעאַטער־קריטיק, ווי אונדזער אינטעליגענץ בכלל, האָט אַ קאַפּיטשקע צופיל ליבע פאַר וואָדעוויל, בורלעסק און לייכטן שטאָף... אונדזער טעאַטער־קריטיק האָט פיינט פּראָבלעמען און פאַרטראַכטונגען. זי איז שוואַכזיניק און קאָן זיך בלויז אַמוזירן... מען קאָן אויסרעכענען, אַז וואָס שייך אַרונטעררייסן, האָט אונדזער טעאַטער־קריטיק כמעט אַלעמאָל אַרונטערגעריסן די דראַמע און, פאַרקערט, כמעט שטענדיק געלויבט און גערימט די קאָמעדיע, און אַלעמאָל די פלאַכערע. אַב. קאַהאַן זעט און זוכט בכלל אין יעדער קאָמעדיע בורלעסק. ביי אים איז „רעוויזאָר" פונקט אַזאַ בורלעסק ווי „קבצן, ווו קריכסטו?"... און דאָס איז אויך באַדויערנסווערט. אָבער מיין מיינונג וועגן און וויאַזוי מען האָט געשפּילט „רעוויזאָר"? אַוודאַי ווערט „רעוויזאָר" גוט געשפּילט אין שוואַרצס „קונסט־טעאַטער"! דערהויפּט דאַרף מען לויבן נישט דאָס איינציקע שפּילן, נאָר דאָס צוזאַמענשפּילן. די טרופּע אין „קונסט־טעאַטער" האָט זיך צוזאַמענגעשפּילט און דאָס איז אַ גרויסער אויפטו. איינציקווייז: שפּילט סניעגאָוו דעם „גאָראָדניטשי" מיט אַ סך גוף, אַ סך רוסישער פּלייצי־ברייטקייט, און אויך ווייזענפריינד שפּילט אַ גוי מיטן גוף. און ביידע זיינען אויסגעצייכנט, ווייל די נשמה פון אַ גוי — און אַ קאַצאַפּ דערצו — קען מען אַמדייטלעכסטן זען דורך זיין גוף. דער היפוך פון אַ יידישער נשמה, וועלכע מען זעט אַמשענסטן אין גופלאָזיקייט.

שוואַרץ שאַפט אַ כלעסטאַקאָוו לויט שוואַרץ. ער פּאַסט אים אויף לויט אַן אייגענעם נוסח — נוסח־שוואַרץ, און אַזוי ווי יעדער איינער קאָן נישט זאָגן אויף זיכער, אַז אַזוי און אַזוי דאַרף מען פאָרשטעלן כלעסטאַקאָוון — גיט שוואַרץ אַן אויסגעצייכנטע וואַריאַציע. דאָס ליבע פּאָרל באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי (שווייד־גאָלדשמיט) זיינען ליב סיי אין גרים, סיי אין שטים. רובין, אַפּעל, גערמאַן, גערסטען, מייזעל און די איבעריקע זיינען אויך גוט. בכלל זיינען די גויִם אין „רעוויזאָר" די בעסטע געשפּילטע גויִם אויף דער יידישער בינע. געוויינלעך, ווען אַ גוי פאַלט אַריין צו אַ יידישן אַקטיאָר אין די הענט, מאַכט מען אויף אים אַ יידישן פּאָגראָם... אָבער דאָ האָבן אַלע אַקטיאָרן זיך באַגאַנגען גוט מיט די גויִם, ווער מער, מער ווייניקער. אָבער דערהויפּט געפעלט מיר אין „רעוויזאָר" דאָס שפּילן פון דער לעצטער סצענע: די שטומע. איך האָב זייער אַ קליינע צאָל יידישע אַקטיאָרן ליב הערן ריידן, אָבער דערפאַר האָב איך זיי אַלעמען ליב ווען זיי שווייגן. אין די שטומע סצענעס פאַרגעטער איך זיי ממש. דאָס אומגליק איז נאָר, וואָס אַזעלכע סצענעס זיינען אין יידישן טעאַטער דאָ אַזוי ווייניק. און דאָ, אין „רעוויזאָר", ווערן אַלע אַקטיאָרן מיטאַמאָל שטום ווי דורך אַ כישוף! וואונדערלעך, ליב און טייער! עס איז אַ חיות אָנצוקוקן. דאָס אויג רוט זיך אָפּ, און דער עיקר — דאָס אויער... אַזאַ אַלגעמיינע פאַרגליווערונג זעט מען ווירקלעך ביי אונדז נישט... און מיין טרוים איז: וואָס מער אַזעלכע שטומע סצענעס! בלויז דורך דעם אַליין קאָן אונדזער בינע געאיידלט ווערן. וואָס ווייניקער רייד, מער מימיק, וואָס ווייניקער טומל און מער שווייגן... און איך זאָג, אַז ווען מען לערנט אויס אויך אונדזער פּובליקום צו שטומען אין טעאַטער, וואָלט אונדזער טעאַטער געוואָרן ממש אַ גן־עדן".

**דר. א. קאָראַלניק איז גוואַלדיק באַגייסטערט סיי פון דער קאָמעדיע, סיי פון דעם אופן שפּילן:**

„איר וואונדערט זיך, איר בייזערט זיך פאַרוואָס דאָס יידישע טעאַטער הינקט אויף ביידע פיס, פאַרוואָס מען זעט ניט קיין פאָרטשריט, ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די אַקטיאָרן האָבן די בעסטע כוונות? פאַרוואָס וואונדערט איר זיך? וועמען באַשולדיקט איר — דעם פּובליקום? דאָס פּובליקום איז אומעטום ביי אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער, דאָס אייגענע. עס וויל — פאַרגניגן, נערוון־אויפטרייסלונג, סענסאַציע. די אינטעליגענץ? דאָ און דאָרט, ביי יידן און ביי ניט־יידן, פאַר־לאַנגט — נייעס, נייע אידעען, אָריגינעלע אויסדרוקן, שיינקייט און פאַרטיפונג. און וואָס גיט דאָס יידישע טעאַטער דעם פּובליקום, דער מאַסע אָדער דער אינטעליגענץ? — אָפּגעשטאַנענע מאָטיוון, אַלט און פאַרהילכט, טויטע סוזשעטן, אומנאַטירלעכקייטן, פאַרשימלטקייט, אָדער געקינצלטקייטן, האָר־דינע, קוים־קוים, וואָס זיי האַלטן זיך, און איר וואונדערט זיך נאָך. איר האָט עטלעכע שטאַרקע, זאַפטיקע, קערנדיקע טאַלענטן אויף דער יידישער בינע, און וואָס גיט איר זיי צו שפּילן? קוקט זיך איין אין דעם רעפּערטואַר פון די יידישע טעאַטערס. עס איז אַ טרויעריק, עס איז אַ לעכערלעך בילד. מעלאָדראַמעס, וואָס וואָלטן ניט צוגעלאָזט געוואָרן אויף קיין שום בינע, אַלצדינג באַרעכנט פאַר דעם פּשוטסטן, נאַיִווסטן, גראָבסטן געשמאַק.

איר האָט טאַלענטן, און וואָס מאַכט איר פון זיי? איר האָט אַזאַ פּראַכטפולן קאָמיקער ווי לודוויג זאַץ, וואָס וואָלט אויף יעדער אַנדער בינע אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסן קינסטלער ווי פאַלענבערג איז געוואַקסן אין בערלין — פון אַן אָפּערעטן־קאָמיקער צו איינעם פון די גרעסטע קינסטלער פון דער דייטשער בינע, און וואָס מאַכט איר פון אים? פאַראַיאָרן האָט ער געמוזט שפּילן אַ שוידערלעכע מעלאָדראַמע, ווו ער האָט געזונגען עפּעס אַ געשמאַקלאָז לידל „דער פינישינג טאָטש" [דער סאַמע סוף], און היינטיקעס יאָר גיט ער אַוועק זיין גרויסע קראַפט אויף אַ ביליקער, נאַיִווער, אַלטמאָדישע פּראָווינציעלע פאָלקס־קאָמעדיע, ווו ער זינגט ווידער אַ לידל וועגן „אַטורני סטריט". און אַזוי איז מיט אַלע, מיט אַלע טאַלענטן, וואָס זיינען דאָ אויף דער יידישער בינע. ווער איז שולדיק? די אַקטיאָרן, די דירעקטאָרן, דאָס פּובליקום, די פּרעסע? ניין, שולדיק זיינען די שרייבער, שולדיק זיינען די, וואָס שאַפן דעם יידישן רעפּערטואַר. אָדער מען שרייבט מיסטיק און סימבאָליסטיק — מאָגערע סימבאָלן אין זייער דיק־אויפגעלייגטע מיסטיק — אָדער מען לאָזט זיך אַראָפּ אַזוי טיף, אַז מען קאָן שוין גאָרניט ריידן וועגן קונסט. מילא, ווו שטייט עס געשריבן, אַז מען מוז שפּילן דווקא יידישע פּיעסן? וואָס איז דער טעאַטער — אַ פּלאַטפאָרם פאַר נאַציאָנאַליזם

אָדער אַן אינסטיטוט פאַר קונסט? און וואָס זיינען יידן, אַ פאָלק, וואָס גייט ניט אַרויס פון זיינע פיר ווענט, וואָס מוז תמיד הערן און זען נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל בית־המדרש און אָלרייטניקעס און נאָך אַזעלכע זאַכן?

די וועלט־ליטעראַטור איז רייך. האָט מען ניט גענוג אייגענעם שטאָף, לייט מען, נעמט מען ביי אַנדערע. יידן זיינען אַ קולטור־פאָלק, מוזן עס זיין, זאָלן עס זיין. און יידיש מוז ווערן אַ קולטור־שפראַך אויב עס וויל עקזיסטירן, און די יידישע בינע מוז ווערן פונקט אַזוי אַלגעמיין־מענטשלעך ווי יעדע אַנדערע בינע. ריינהאַרדט מעג יאָר איין יאָר אויס שפילן שעקספיר, גאָלדאָני און מאָליער, פראַנצויזישע, ענגלישע, שפאַנישע, רוסישע דראַמען, און מיר טאָרן ניט? און אין רוסלאַנדס בעסטע טעאַטערע האָט מען יאָרן־לאַנג געשפילט כמעט נאָר איבסען און האַמסון און האופטמאַן און ראָסטאַן. זיי מעגן און מיר טאָרן ניט? אָט זעט וואָס אַ גרויסע קונסט־ווערק מיינט. אָט זעט דעם גרויסן, פאַרדינטן ערפאָלג, דעם ענטוזיאַזם, וואָס גאָגאָלס „רעוויזאָר" האָט אַרויסגערופן ווען ער איז געשפילט געוואָרן אין דעם „קונסט־טעאַטער" פון מאָריס שוואַרץ. עס איז געווען — איך בין זיך מודה — איינער פון די שענסטע אָוונטן, וואָס איך האָב ווען עס איז פאַרבראַכט אין דעם יידישן טעאַטער. נאָך אַ לאַנגער, לאַנגער צייט האָב איך דערזען אויף דער יידישער בינע ריכטיקן, אמתן, גרויסן טעאַטער. אָט דאָס איז טעאַטער, אָט אַזוי שפילט מען! ווי קאָן עס דען זיין אַנדערש? גאָגאָל איז דאָך איינער פון די גרויסע וועלט־מייסטער, איינער פון די געציילטע קינסטלער, אָן ספקות, איינער פון די וואָס ווערן קיינמאָל ניט אַלט. נאָך אַריסטאָפאַנעס „זשאבעט", אפשר די גרעסטע קאָמעדיע פון דער וועלט ליטעראַטור, נאָך מיין מיינונג גרעסער פון מאָליערס „טאַרטיוף", גרעסער, ווייל פיינער, מענטשלעכער, פשוטער, פאַרענדיקטער. גרעסער, ווייל עס איז דאָס לעבן אַליין. קיין איין וואָרט ניט איבריק. קיין איין סצענע, וואָס זאָל ניט זיין אָרגאַניש נייטיק, קיין איין פיגור, וואָס זאָל ניט זיין ווי אויסגעהאַקט פון שטיין.

אַ קאָמעדיע, וואָס איז שוין אַלט באַלד הונדערט יאָר און איז ניי און יונג, גלייך ווי וואָלט ערשט נאָר וואָס פון אונטער דער פען. אַ קאָמעדיע פון דעם כמעט שוין פאַר־היסטאָרישן, שוין־לאַנג־געשטאָרבענעם און באַגראָבענעם רוסישן לעבן, און דאָך אַזוי „מאָדערן"! דאַכט זיך וואָס?, דערציילט אַ קאָמישן עפיזאָד פון אַ קליינעם רוסישן פאַרוואָרפענעם שטעטל... דאַכט זיך, אַ מעשה אויף הינערישע פיסלעך, און פונדעסטוועגן האָבן דריי דורות געלאַכט היסטעריש, היסטעריש געלאַכט איבער דער קאָמעדיע, לאַכן מיר דאָ, און [עס] וועלן לאַכן נאָך אַ סך, אַ סך דורות. ווייל ניט די טעמע איז דער עיקר, נאָר דער אופן ווי זי איז דערציילט, ווי די פיגורן זיינען געצייכנט. דער איינציקער וואָס האָט פאַרשטאַנען דעם עצם פון גאָגאָלס שאַפן איז געווען פושקין. ער האָט געזאָגט — אַזוי דערציילט גאָגאָל אַליין אין זיין באַרימטער, טיפער, משוגענער „קאָרעספאָנדענץ מיט פריינט", „אַז גאָגאָל איז דער איינציקער שרייבער אין דער וועלט, וואָס קאָן אויסמאָלן די מענטשלעכע געמיינהייט און נידריקייט (פאָדלאָסט) מיט אַזאַ קראַפט, אַז יעדע מינדסטע קלייניקייט, וואָס קיין אַנדערער זעט גאָרניט, זאָל ווערן קלאָר און דייטלעך פאַר אַלעמענס אויגן". דאָס איז דער סוד פון גאָגאָלס שאַפן בכלל און פון „רעוויזאָר" בפרט. דער גאָראָדניטשי סקוואָזניק־דמיכאַנאָווסקי, דער כאַבאַרניק, דער הויט־שינדער, דער קליינשטעטלדיקער טיראַן,





זיינע חברים פון דער „רעגירונג", דער ריכטער טיאָפקין־ליאַפקין מיט זיינע פינטעלעך, דער ריכטער, וואָס ווייסט אַפילו ניט וואָס עס שטייט אין די פאַפירן, וואָס קומען אָן צו אים, דער פאָסטמייסטער, וואָס ווייסט שוין אַפילו וואָס עס שטייט אין די בריוו, וואָס מען שיקט דורך דער פאָסט, זאַמליקאַנאַ דער ממזר, כלעסטיאַקאָוו דער נאַרישער ליידיקגייער, דער כיטרער פויער אָסיפ, זיין קנעכט, דער רוסישער פויער מיט זיין גאַנצער היסטאָרישער, האַלב־אַזיאַטישער געשטאַלט, און די געניאַלע אייביקע געשטאַלטן פון די צוויי פריוווּיליקע, אָן שום כוונותדיקע שקלאַפן, די גוטבאַזיצער באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי, אפשר די קאָמישסטע געשטאַלטן פון דער וועלט־ליטעראַטור, די גרעסטע סימבאָלן פון דער מענטשלעכער קליינקייט און נידערטרעכטיקייט און קנעכטיקייט. אָט די דאָזיקע גאַנצע גאַלערעע פון מענער און פרויען — הויכע און נידריקע, הויפט און נעבן־פיגורן — וואָס זיינען זיי, ווען ניט די אייביקע סימבאָלן פון דער טיפער, איינגעוואָרצלטער, אפשר איינגעבוירענער „מענטשלעכער געמיינהייט"? יעדע צייט האָט אירע אייגענע פאָרמען, אירע אייגענע גאָראָדניטשעס, כלעסטאַקאָווס און אַלטע קאָקעטקעס ווי דעם גאָראָדניטשיס ווייב, און פריוווּיליקע שטיוול־לעקער ווי באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי. אַנדערע קליידער, אַנדערע נעמען, אָבער דער אייגענער תוך. וואָס פאַרע ווונדער וואָס די גאַנצע וועלט לאַכט, מוז לאַכן ווען אויף דער בינע קומט דער „רעוויזאָר". אָט איז דער אייביקער קרומער שפיגל און מען דערקענט זיך אין אים.

אָט אַזוי, אָט אַזוי דאַרף מען צוגיין צו דעם טעאַטער, מיט דעם אויג אויף גרויסע ווערטן, און אָט אַזוי דאַרף מען שפילן יידיש טעאַטער ווי די אַקטיאָרן פון דעם „קונסט־טעאַטער" שפילן דעם „רעוויזאָר". אַ וווּנדערבאַרע רעזשי! אויב דער פאַרדינסט דערפאַר געהערט טאַקע דעם מאָסקווער רעזשיסער, הער וויסקאָווסקין, ווי עס שטייט אויפן טעאַטער־צעטל, מוז מען אָפגעבן אַ מזל־טוב דעם „קונסט־טעאַטער" מיט אַזאַ רעזשיסער. אמת, ער האָט געהאַט ווו צו לערנען, וואָס צו קאָפירן. דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער איז די גרעסטע אַקאַדעמיע פאַר רעזשי, אָבער אויך קאָפירן איז אַ גרויסע קונסט, און די קאָמעדיע איז געווען טעכניש כמעט פולקומען; סטיל, קאָסטיומען, און דער עיקר דער גרים. ווי וווּנדערבאַר, למשל, איז געווען פאַרגרימירט הער סניעגאָוו אַלס „גאָראָדניטשי". ער האָט די פיגור דערצו, אָבער אַ חוץ דער פיגור, זיינע האָר. „יאָזשיקאַט", ווי מען זאָגט אין רוסלאַנד, אַזוי סטאַרטשנדיק ווי אַ באַרשט. זיין רויט פנים, מיט דער בלוי־געאָרדעטער שכורער נאָז, די גאַנצע האַלטונג. דער דריי־שפיץ, אַלסדינג אַזוי היסטאָריש, אַזוי סטיליסטיש אמת. אָדער אָסיפ, ווען איך וואָלט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ יידישער אַקטיאָר און אַז ער הייסט מוני ווייענפריינד, וואָלט איך געקאָנט שווערן, אַז איך זע פאַר זיך אַ קאַצאַפ, אַ רוסישן פויער, אַ יאַראָסלאַווער מוזשיק, מיט די איינגעבויגענע פלייצעס, מיט די כיטרע אייגעלעך, נאַ[illegible] און קלוג אויף זיין אופן. זיינע שטיוול, זיין גאַנצער הילוך! אַ ראַספוטין, וואָס דינט ביי אַ קליינעם באַאַמטן און וואַרט אויף זיין צייט. אָדער דער גרים פון דאָבטשינסקי און באָבטשינסקי, שוויד און גאָלדשמידט. שוין דאָס אַליין, וואָס איינער איז אַ נידריקער און דער אַנדערער אַ העכערער און ביידע גלייך אָנגעטאָן, ממש ווי אַ קאָפיע, ווי צוויי טראָפן וואַסער, דאָס אַליין איז אויך אומגעהייער קאָמיש, און זייערע פנימער, זייערע מאַנדל זאַמד־קאָלירנדע פראַקן און די ברייטע פלודערן... אָדער כלעסטאַקאָווס

(שוואַרץ) אַמאָליקע פאַנטאַסטיש־בייראָנישע עלעגאַנץ, אָניעגין, ווי ער שטייט אין בוך. און ווי דער גרים, אַזוי דאָס שפּיל. יעדער אויף זיין אופן, און יעדער האָט געגעבן דאָס בעסטע, וואָס ער האָט. לעאָניד סניעגאָוו איז געווען פּראַכטפול אין יעדער סצענע — סטיל, קיין איינציקע באַוועגונג אָן אַ זין. ער איז געוואַקסן פון סצענע צו סצענע. פון זיין ציטערן אין דער סצענע ווען ער גייט אַריין צו כלעסטאַקאָוון אין דעם האָטעל־חדר ביז צו דער גרויס־אַרטיקער סצענע פון זיין „טריומף", ווו ער רייסט די בערד ביי די סוחרים, און ביז צו דער פּאַטעטישער סצענע פון זיין נפילה [פאַלן], ווו ער פּאַטשט זיך אַליין פון כעס און ווייטיק — איין וואַקסנדער, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ווערנדער טאָן. לעאָניד סניעגאָוו האָט זיך מיט זיין שפּילן דאָסמאָל ערוואָרבן אַ גרויסן פּלאַץ אויף דער יידישער בינע. ער האָט זיך אַנטדעקט.

און ווייזענפריינד, זיין אָסיפּ איז געווען, איך וואָלט שיר ניט געזאָגט — געניאַל. איך גלייב, אַז ווייזענפריינד און זאַץ זיינען איצט די גרעסטע יידישע קינסטלער. בלויז ווייזענפריינד האָט מער גליק מיט זיינע ראָלן אָדער אפשר מער ווילן צו גרויסער קונסט. כלעסטאַקאָוו איז אַ שווערע ראָלע. איינמאָל אין אַ דור געפינט זיך אַ קינסטלער פאַר איר. שטשעפּקין האָט זי געשאַפן. קאַטשאַלאָוו האָט זי דורכגעפירט ביז דער גרעסטער פולקומנהייט. עס איז די שווערסטע ראָלע, ווייל זי איז אַזוי גרינג און ווייל כלעסטאַקאָוו איז ניט קיין קאָמישע פיגור. ער איז דער איינציקער, וואָס זעט דעם קאָמיזם. ער איז דער איינציקער צושויער און צוגלייך אַקטיאָר. ער אַליין ווייס דאָך, אַז דאָס איז אַ קאָמעדיע, און ער שפּילט זי, און ווי יעדער אַקטיאָר פאַרגעסט ער אויף אַ ווײלע, אַז ער שפּילט. ער גלייבט בשעת מעשה כמעט אַליין, אַז ער איז טאַקע דאָס וואָס ער דערציילט איבער זיך, אַז אַלע די דאָזיקע פאַנטאַסטישע שקרים „קאָנען זיין" אמת.

מאָריס שוואַרץ האָט ניט תמיד אַרויסגעבראַכט דעם אַקטיאָר־צושויער אין כלעסטאַקאָוון, אַ חוץ אין דער סצענע מיט די דעפּוטאַציעס ווען ער בעט ביי איטלעכן אַן „הלואה". די „גרויסע" סצענע, דאָרט ווו ער דערציילט די נסים פון זיך, דאָרט ווו דער גאַנצער גלאַנץ פון דעם רוסישן און אַלוועלטלעכן לעבן ווערט פּאַראַדירט, איז ביי אים אַרויסגעקומען אַ ביסל צו גיך, צו געכאַפּט. כלעסטאַקאָוו האָט דאָך הנאה פון זיין דערציילן. ער גייט דאָך אַריין אין אַ מין ליגן־עקסטאַז. דער ריטם מוז דערפאַר אויך זיין אַן אַנדערער, מער גענוס, מער פאַרליבטקייט אין דער אייגענער פאַנטאַזיע, אָבער אַפילו אַזוי, די הויפּט־סצענעס זיינען דורכגעפירט פון מאָריס שוואַרץ פיין און מיט געשמאַק. מאַרק שווייד (דאָבטשינסקי) איז געווען מייסטערהאַפט. ווי תמיד ביי שווײדן זעט מען שולע, אינטעליגענץ און דענקן, אַ שוישפּילער, וואָס פאַרשטייט זיין טיפּ. גאָלדשמידטס באָבטשינסקי איז געווען גוט, אָבער נאַיִווער און פּראָסטער. אָבער נאָך וויכטיקער פון אַלעמען איז דאָס צוזאַמענשפּיל, ווי אין דער ווונדערבאַרער לעצטער סצענע, ווו אַלע, אַלע בלייבן שטיין ווי פאַרשטיינערט דערזעענדיק, אַז דער אמתער רעוויזאָר איז געקומען. דאָס איז געווען דער שווערסטער עקזאַמען — ניט ריידן, נאָר באַוועגונג און האַלטונג איז די מאָס פון שוישפּילער־קונסט — און דעם עקזאַמען האָט די טרופּע אויסגעהאַלטן. אָט אַזוי דאַרף מען שפּילן, און שפּילט מען אַזוי, איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן און ניט וואָס צו פרעגן קיין קשיות. קונסט זיגט. דאָס איז דער סוד פון דעם ערפאָלג פון יעדן טעאַטער און אויך אין דעם יידישן, סיידן — סיידן די



יידן דאַרפן גאָר קיין טעאַטער ניט האָבן, און דאָס גלייבט זיך ניט".

## אָלגין שרייבט:

„וועגן גאָגאָלס הומאָר האָט בעלינסקי געשריבן, אַז „עס בייסט ביז עס רינט בלוט. ער שטעכט די ציין אין פלייש אַריין ביזן סאַמע ביין. ער שלאָגט מיט אַלע כוחות. ער שמייסט אויף רעכטס און אויף לינקס מיט אַ בייטש, וואָס איז אויסגעפלאָכטן פון סווישטנדיקע שלאַנגען", אָבער וועגן זיך אַליין האָט גאָגאָל געזאָגט, אַז ער שרייבט „דורך אָפענעם געלעכטער און באַהאַלטענע, ניט געזעענע טרערן". אין „רעוויזאָר" האָט גאָגאָלס לאַכנדיק־טרויעריקער הומאָר דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה, אין ערגעץ איז ביי אים די מענטשלעכע נישטיקייט ניט אויפגעדעקט מיט אַזאַ אומברחמנותדיקער שאַרפקייט. אין ערגעץ איז די מענטשלעכע פערזאָן ניט אַזוי באַליידיקט, דערנידריקט, פאַרשוועכט, און אין ערגעץ ניט איז דער טרויער אַזוי גיפטיק ווי אין אָט דער פריילעכער פּיעסע, וואָס אויף איר שער־בלאַט האָט דער אויטאָר אָנגעשריבן די אומדערבאַרימדיקע ווערטער „האָט קיין טענות ניט צום שפּיגל ווען די צורה איז קרום".

ס'איז אַ שפּיגל פון פּראָווינציאָנעלן רוסלאַנד מיט אַ יאָר הונדערט צוריק, עס איז אָבער אַן אייביקער שפּיגל פון רוסישן געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווייל ווי נעסטאָר קאָטלאָרעווסקי דריקט זיך אויס: „גאָגאָל האָט אויפגעכאַפּט דעם סאַמע עצם פונם רוסישן לעבן. ער האָט אין איין איינציקן טיפּ פאַרקערפּערט אַ רייכטום פון גייסטיקע געשעענישן אין אַ גרויסע צאָל פון מענטשלעכע לעבנס". די טיפּן פון „רעוויזאָר" מעגן זיך ענדערן מיט דער צייט. זיי מעגן אָנטאָן אַנדערע קליידער און באַקומען אַנדערע מאַניערן. די גאַנצע סאָציאַלע סביבה מעג זיך איבערבייטן פון אויבן ביז אַראָפּ, אָבער לאַנג נאָך וועט דויערן ביז די טיפּן וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן פונם רוסישן לעבן. זייער כוח איז אין דעם וואָס זיי זיינען ניט נאָר רוסיש. זיי זיינען אַלגעמיין־מענטשלעך. כלעסטיאַקאָוו איז אַן אוניווערסאַלער כאַראַקטער. סקוואָזניק־דמוכאַנאָווסקי לעבט אין אַלע לענדער. אַננאַ אַנדרעיעוונאַ איז אַ מיטגליד פון יעדער קליינשטעטלדיקער געזעלשאַפט. אַפילו באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי זיינען אונדזערע אַלעמענס טייערע שכנים. דעריבער קאָן דער „רעוויזאָר" זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין אַמעריקע ווי אין אייראָפּע, אויף יידיש ווי אויף אַלע אַנדערע שפּראַכן. דעריבער איז דער „רעוויזאָר" אומשטערבלעך. און אפשר דעריבער אומשטערבלעך, ווייל ער איז אַזוי איבערגעזעטיקט מיט קרעפטיקן לעבן. וואָלט אַפילו אויף דער וועלט ניט געווען אַזאַ געשטאַלט ווי דער גאָראָדניטשי אָדער כלעסטיאַקאָוו, וואָלט אַפילו די גאַנצע פּיעסע געווען אַן אויסגעטראַכטע פונם אָנהייב ביזן סוף, וואָלט זי אונדז פאָרט געהאַלטן געפּלעפט מיט איר פולקייט, מיט איר פאַרשווינדערישער רייכקייט פון דעטאַלן, מיט איר מערקווירדיקן אויפבוי, מיט איר צעהוליעטן שפּרודל פון געלעכטער, וואָרעם אונדז איז אָפט גאָרניט אינטערעסאַנט צי די פיגורן זיינען „אמתע" צי איבערגעטריבענע, צי זיינען גאָגאָלס ,ערפונדענע מאָנסטערס [פאַרזעעניש], צי זיי האָבן טאַקע ווירקלעך מטמא געווען גאָטס ערד. דער „רעוויזאָר" איז באמת אַ סך מער, מער ווי אַ פּשוטע רעאַליסטישע פּיעסע.

און שוואַרצס טעאַטער פאַרדינט אַ יישר־כוח דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען אויפצופירן דעם „רעוויזאָר". די

אויפפירונג איז אַ גרויסע געשעעניש אין דער יידישער טעאַטער־וועלט. נאָך צוריק מיט אַ דריי־פיר יאָר וואָלט דאָס אפשר ניט געווען מעגלעך. ערשט דורכדעם וואָס אַ גרופּע אַקטיאָרן האָט זיך איינגעלעבט אין דעם נייעם טעאַטער, האָט זיך אויסגעלערנט באַהאַנדלען אַ ראָלע מיט ערנסטקייט און אינטעליגענץ, האָט זיך אויסגעלערנט שפּילן בשותפות מיט אַנדערע און האָט זיך אַנטוויקלט אויף אַ ריי קינסטלערישע פּיעסן, איז באַשאַפן געוואָרן דער מאַטעריאַל פאַר אַזאַ אויפפירונג ווי גאָגאָלס „רעוויזאָר", וואָרעם דעם „רעוויזאָר" איז גאָרניט אַזוי גרינג צו שפּילן. דאָס איז אַ פּיעסע פון אַ פרעמד לעבן, וואָס אפשר ניט אַלע אַקטיאָרן האָבן עס געזען. דאָס איז אַ פּיעסע מיט אַ סך שווערע און פאַרוויקלטע ראָלן. דאָס איז אַ פּיעסע מיט אַ מאַסע דעטאַלן, וואָס דאַרפן אויסגעאַרבעט ווערן מיט גרויס פּאָרזיכט, און דאָס איז אַ פּיעסע ניט פאַר „שטערן" (סטאַרס), נאָר פאַר געמיינזאַמען בחברותדיקן שפּילן. שוואַרצס טעאַטער אונטער דער רעזשי פון וולאַדימיר וויסקאָווסקי פון מאָסקווער „קאָרש"־טעאַטער, האָט מיט ערע גובר געווען די אַלע שוועריקייטן און געגעבן אַ פאַרשטעלונג, וואָס וואָלט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען אַפילו אין אַ גוטן רוסישן טעאַטער אין רוסלאַנד. זאָל דאָ געזאָגט ווערן: די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געזעסן אין טעאַטער, האָב איך ניט געפילט, אַז דאָס שפּילן יידן. איך האָב אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַ יידישע בינע, ווו מען רעדט מאַמע־לשון. איך האָב זיך געפילט אין אַ רוסישער אַטמאָספערע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איך האָב געקענט די פּיעסע פון פריער און וואָס איך האָב זי געזען מער ווי צען מאָל אין פאַרשיידענע רוסישע טעאַטערס. די דעקאָראַציעס, די קאָסטיומען, די מעבל, די מאַניערן פון די אַקטיאָרן האָבן גאַנץ פיין געפּאַסט צו דער פּיעסע. יעדנפאַלס האָבן מיר ניט באַמערקט קיין שרייענדע דיסאָנאַנסן. דאָ און דאָרט איז געווען אַ קליינע איבערטרייבונג, אָבער דאָס דאַרף אַזוי זיין אין „רעוויזאָר".

דעם טאָן האָט דאָרט פולשטענדיק געגעבן לעאָניד סניעגאָוו. מען קאָן זאָגן מיט פולער זיכערהייט, אַז ווען ניט סניעגאָוו, וואָלט די אויפפירונג געווען אומעגלעך, סניעגאָוו איז, ערשטנס, אַליין אַ רוסיש־יידישער אַקטיאָר, ניט לאַנג פון רוסלאַנד, אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. סניעגאָוו האָט אי די פיגור, אי די האַלטונג, אי די שטים, אי אַלע נייטיקע פעיִקייטן פאַר דער ראָלע, פאַר דעם גאָראָדניטשי, און ער האָט די ראָלע דורכגעפירט מיט גלאַנץ און קראַפט. ערטערווייז האָט זיך אונדז געוואָלט, אַז ער זאָל מער אונטערשטרייכן די אָדער יענע איינצלהייט. למשל, גאָר אין אָנהייב האָט ער כמעט ווי אַראָפּגעשלונגען די מעשה מיט די שטשורעס. ערטערווייז האָט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל זיין מער אויסדריקלעך, אַרויסווייזן שאַרפערע קאָנטורן, ווי אַ שטייגער אין דער סצענע מיט די פּאָליציאַנטן. ערטערווייז, ווידער, האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט געדאַרפט מער שפּילן ווי ברומען; אָבער דאָס זיינען דעטאַלן. דאָס איז ניט וויכטיק. דער עיקר איז, וואָס די גאַנצע צייט ווען ער איז געווען אויף דער בינע, איז די פּיעסע געגאַנגען, האָט די האַנדלונג געלעבט, האָבן די איבעריקע אַקטיאָרן זיך געפילט מונטער. סניעגאָוו אַליין האָט באַשאַפן אַ גוטע, איבערצייגנדע פיגור פון אַ גאָראָדניטשי און האָט נאָכאַנאַנד געהאַלטן דעם אינטערעס פונם צושויער.

מאָריס שוואַרץ אין דער ראָל'ע פון כלעסטיאַקאָוו האָט געהאַט אַ מוראדיק שווערע אויפגאַבע. ס'איז דאָ ווייניק אַקטיאָרן אויף





דער וועלט, וואָס קאָנען שפּילן כלעסטיאַקאָוו. אָט די קאָמבינאַציע פון תמימות מיט כיטריקייט, קינדעריי מיט גרויסקייט־מאַניע, פאַנטאַזיע מיט שווינדל, זעלבסטנאַרעריי מיט עפּעס אַ מערקווירדיקער דערווייטערטקייט פון פּראַקטישן לעבן, דאָס לאָזט זיך ניט אַזוי לייכט פאַרקערפּערן אין איין מענטשן. די דאָס, וואָס ער איז, אַליין ניט וויסנדיק, אַ דיכטער, אַ „פּאָעט פון אַ סך ניואַנסן. די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון כלעסטיאַקאָוו איז ראָלע פאָדערט פונם אַקטיאָר אַ סך בויגיקייט, אַ סך פאַנטאַזיע, גוזמא", ווי מערעשקאָווסקי האָט געזאָגט. דערביי איז ער אַ גאָרניט, אַ פּשוטער שנעק, אַ מענטשל מיט אומריינע הענט און אַ גומענעם געוויסן. מאָריס שוואַרץ איז אין דער ראָלע געווען ניט אומעטום גלייך. אין דער טראַקטיר־סצענע (צווייטער אַקט) איז ער געווען אינטערעסאַנט, אָבער ניט גענוג קאָמיש. עפּעס האָט געפעלט — אפשר די עכט רוסיש־פּריצישע פּאָזע — ס'טייטש, איך אַ נאָבלמאַן, אַ פּעטערבורגער פראַנט, און דאַרף גאָר אַרומגיין הונגעריק צוליב עפּעס אַ נידריקן נפש, אַ טראַקטירשטשיק. די גאַמע פון כליעסטיאַקאָווס געפילן אינם צווייטן אַקט האָט ביי שוואַרצן ניט געפונען גענוג אויסדרוק, אינם דריטן אַקט, אין דער שכורער סצענע, איז שוואַרץ שוין געווען בעסער. עס האָט זיך שוין געפילט מער שווונג, מער ברייטקייט, אָבער ס'איז ניט געווען דער גוזמאָניק — דער דיכטער. ס'איז גלאַט געווען אַ מענטשל, וואָס דערציילט אַ פּראָווינציעלער געזעלשאַפט ניט־געשטויגענע, ניט־געפלויגענע מעשות וועגן פּעטערבורג. כלעסטיאַקאָוו איז מער געווען שכור פון ווין ווי פון זיינע אייגענע אויסגעטראַכטע מעשות. און געדאַרפט וואָלט זיין דער היפּך. אין פערטן אַקט, דערהויפּט אין דער ליבע־סצענע, איז שוואַרץ שוין געווען אינגאַנצן אויף דער הייך. אין אַלגעמיין, האָט ער די ראָלע דורכגעפירט אַזוי, אַז ס'האָט זיך באַקומען אַ כלעסטיאַקאָוו אַ לעבעדיקער מענטש, און דאָס אַליין איז אַ גרויס פאַרדינסט.

אַננאַ אַפּעל (דעם גאָראָדניטשיס ווייב) האָט געגעבן אַ גוטע און לעבעדיקע כאַראַקטער־ראָל (ווען גיט זי ניט אַ גוטע און לעבעדיקע כאַראַקטער־ראָל?). בערטאַ גערסטען (דעם גאָראָדניטשיס טעכטערל) איז געווען אי נאַיִוו אי שיין, אי אָנגעטאָן אין אויסגעצייכנטע קאָסטיומען, און די ראָלע האָט זי דורכגעפירט מיט טעמפּעראַמענט. גרשון רובין (אַרטעמי פיליפּאָוויטש) האָט געגעבן אַן אויסגעצייכנטע פיגור פון אַ פּראָווינציעלן טשינאָווניק. מאַרק שווייד און יחיאל גאָלדשמידט (באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי) זיינען געווען פּראַכטפול. מוני וויזענפריינד (אָסיפּ) האָט אפשר ניט געהאַט אַלע העויות פון אַ רוסישן פויער, אָבער ער האָט געשאַפן אַן אינטערעסאַנטע פיגור מיט אַ מאַסע קאָמישע שטריכן. היימאַן מייזעל, יצחק האָניקמאַן, מישאַ גערמאַן אַלס אָרטיקע באַאַמטע האָבן געשפּילט גאַנץ פיין. די שטומע סצענע צום שלוס פון דער פּיעסע איז דורכגעפירט געוואָרן אויסגעצייכנט. דער „רעוויזאָר" איז אַ טייערע קולטורעלע מתנה פאַר דעם יידישן טעאַטער. מיר זיינען זיכער, אַז דער עולם וועט וויסן ווי אָפּצושאַצן די מתנה".

**„ניו־יאָרק טיימז" שרייבט [אין דער איבערזעצונג פון וו. מערקור]:**

„עס איז ניט גרינג אין אַ קורצן פּערספּעקטיוו פון פופצן מינוט נאָך דעם לעצטן פאָרהאַנג פון „דער רעוויזאָר" אין „יידישן קונסט־טעאַטער" ניט צו בלייבן אונטער דעם אָנגענעמען אימפּולס

און צו פלאַטערן ענטוזיאַסטיש פון לויטער התלהבות וועגן דעם שפּילן און זיין אין התפּעלות איבער דער פּיעסע, צו טיילן שבחים צום איבערזעצער און זינגען לויבגעזאַנגען צו דעם אויפפירער. די פּיעסע פון נ. וו. גאָגאָל איז אויפגעפירט געוואָרן פון אַ רעזשיסער פון קאָרש־טעאַטער פון מאָסקווע, וולאַדימיר וויסקאָווסקי, וועלכער איז אימפּאָרטירט געוואָרן ספּעציעל פאַר דער אויפפירונג.

מיר האָבן געשריבן אין די שפּאַלטן פון „די טיימס" אין שייכות מיט דער פּיעסע „אַנדערש", געשפּילט פון דערזעלבער טרופּע מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אַז די שוישפּילער זיינען וווּנדערלעך צוגעקליבן געוואָרן. איך מוז איצט די דערקלערונג ראַדיקאַל קאָרעגירן. די שוישפּילער פון דער איצטיקער פּיעסע שפּילן איצט אינגאַנצן אַנדערע קאָמפּליצירטע און פאַרשיידנאַרטיקע מינים ראָלן, און יעדער איינער, אין זיין ראָלע מאַכט אייך גלייבן, אַז ער איז געווען באַשערט פאַר זיין ראָלע און מען מוז קומען צום אויספיר, אַז די אַקטיאָרן קענען טאַקע גוט שפּילן.

די פּיעסע איז אַ קאָמעדיע, וואָס ציט אַרויס דעם לעצטן טראָפּן פון אומגעלומפּערטקייט פון די כאַראַקטערן אין אַ רוסישע פּראָווינציעלע שטאָט אין וועלכער אַלע אָפיציעלע פאָרשטייער זיינען קאָרופּירט. אַן אָרעמער פראַנט אין פעטראָגראַדער קליידער און מיט גראַנדיעזע מאַניערן ווי פון אַ הויפּטשטאָט פאַלט על פּי צופאַל אַריין אַהין גראָד אין צייט ווען דער גובערנאַטאָר געפינט אויס, אַז אַ הויכער רעגירונג־אויספאָרשער דאַרף אָנקומען צו מאַכן אַן אויספאָרשונג... פאַראַן אַ סצענע אין וועלכער דער גובערנאַטאָר באַשטייט צו געבן דעם פראַנט, געשפּילט גראַציעז, הומאָריסטיש, נאָר מיט אַ קווענקלענדיקער אָנגעשטרענגטקייט פון מאָריס שוואַרץ, געלט און אַ גראַנדיעזן קבלת־פּנים ווי אויך דעם פיינסטן צימער אין גובערנאַטאָרס הויז, דעם יונגן פראַנט וועמען דער האָטעל־באַזיצער האָט ניט געוואָלט שפּייזן. דער פראָנט מאָנאָלאָגירט משונהדיק פאַנטאַסטיש און גלאַנצט פענאָמענאַל אין דעם באַל־זאַל. דאָס איז איינע פון אַ צענדלינג סצענעס אַזוי מחיהדיק ווי אין קאַפּיטאַן עפּלדזשעק.

דער יונגער פראַנט קריגט כאַבאַר פון לינקס און רעכטס. ער קריגט אויך הויפנס מיט פלעשער פון בעסטן וויין. ער ווערט צעחושט פון דער צודרינגלעכער צוגעלאָזנקייט פון גובערנאַטאָרס טאָכטער און פרוי. דער פראַנטס באַדינער, אַ הויכער, מאָגערער מענטש מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע, וואָס קוקט אויס ווי אַ כאַראַקטער פון דיקענס דאָן מאַרקי, ווערט גרויסאַרטיק דורכגעפירט פון איינעם, וואָס הייסט מוני ווייזנפריינד. דער באַדינער ראַטעוועט זיין מייסטער אין דער ריכטיקער צייט, ווייל דער הויפּט פון פּאָסט־אַמט האָט נאָר וואָס דערהאַלטן אַ בריוו וואָס אַנטפּלעקט דעם פראַנטס אמתדיקע געשטאַלט.

די סצענע אין וועלכער דער בריוו ווערט געלייענט ווען אַלע קאָרופּטירטע כאַבאַרניקעס זיינען פאַרזאַמלט. אַלע פריינט פון גובערנאַטאָר זיינען געקומען אים גראַטולירן וואָס זיין טאָכטער האָט געקראָגן אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט. די סצענע איז פּראָדוקטיוו מיט געלעכטער, וואָס האָט אויך הינטערשטראָמען פון לוסטיקייט און טייכן פון טיפן פּאַטאָס פאַר פאַרשווינען, אָנגעזאַפּט מיט זשעדנע באַגערן, וואָס ציטערן פאַר מורא.

די פּיעסע ענדיקט זיך מיט דעם אָנקומען פון אמתן רעוויזאָר. דער גאַנצער אַנסאַמבל ווערט ווי פאַרגליווערט (חוץ דעם הויפּטהעלד), אויף יעדנס פּנים קאָן מען לייענען די שולד פון זיין פאַרברעכן, וואָס האָט לעצטן אָוונט אַרויסגערופן ביים עולם אַ



סעריע פון אָוואַציעס, וואָס האָבן אונטערגעהויבן דעם דאַך פון טעאַטער".

**ב. אַקסל'ער באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם ווער ס'איז שולדיק אין די כסדרדיקע קריזיסן פון „קונסט־טעאַטער" — דער רעפּערטואַר אָדער דער טעאַטער־גייער:**

„עס ווערט גערעכנט, אַז יידן זיינען ליבהאָבער פון קונסט, ליטעראַטור, מוזיק און דראַמע. אַלס ראיה ווערט אָנגעגעבן דער פאַקט, וואָס יידן פאַרנעמען אַלע „סטענדינג" [שטיי]־פּלעצער אין דעם מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע האַוז, וואָס זיי פּאַקן אָן די קאָנצערטן אין היפּאָדראָם און קאַרנעגי האָל און איבערפילן פאַר וואָכן נאָכאַנאַנד די פאָרשטעלונגען פון דעם גאַסטראָלירנדיקן מאָסקווער קונסט־טעאַטער. מעגלעך, אַז די רשימה איז אַ ריכטיקע, אָבער דאָך שטעלט זיך די פראַגע וואָרום מאַטערט זיך אַזוי דער „יידישער קונסט־טעאַטער"? אויב די יידן זיינען אַזעלכע ליבהאָבער פון קונסט, וואָרום העלפן זיי ניט אויסהאַלטן דעם „יידישן קונסט־טעאַטער"? עס איז אַן אָפענער סוד, אַז דער „יידישער קונסט־טעאַטער" מאַטערט זיך די גאַנצע צייט פון זיין פינף־יאָריקער עקזיסטענץ. מאָריס שוואַרץ דער דירעקטאָר און איינער פון די פעיִקסטע שוישפּילער אין יענעם טעאַטער, קומט זייער אָפּט אַרויס מיט אַפּילס צו העלפן אים בויען און אָנהאַלטן דעם „קונסט־טעאַטער" אויף דער יידישער גאַס. כאָטש געגרינדעט און פינאַנסירט מיט פּריוואַטן קאַפּיטאַל, איז ער וויליק איבערצוגעבן די גאַנצע באַלעבאַטישקייט צו אַ קולטורעלער אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל וועלן נעמען אויף זיך דעם פינאַנסיעלן זאָרג, אָדער מען זאָל אים העלפן צו זאָרגן וועגן דער פינאַנסיעלער זייט פון אויפהאַלטן אַ קונסט־טעאַטער. די גאַנצע הילף באַשטייט בסך־הכל אין פּאַטראָניזירן און באַזוכן דעם „יידישן קונסט־טעאַטער". עס ווערט ביי קיינעם ניט פאַרלאַנגט קיינע נדבות און קיינע הלוואות. עס ווערט פאַרלאַנגט פּאַטראָניזירונג, און דאָס וואָלט שוין פאַרזיכערט די פינאַנסיעלע עקזיסטענץ פון דעם טעאַטער. דאָך מאַטערט זיך שטענדיק דער „יידישער קונסט־טעאַטער", און לעבט דורך אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פאַרשיידענע קריזיסן, און אויב ער עקזיסטירט נאָך אַלץ, איז דאָס נאָר צו פאַרדאַנקען דער עקשנות פון אַ קליינע גרופּע ערנסטע און טאַלענטפולע שוישפּילער. אַ פּאָר אויפריכטיקע שוישפּילער מיט מאָריס שוואַרצן בראש האָבן זיך איינגעשפּאַרט, אַז זיי מוזן דווקא באַשאַפן און אויפהאַלטן פאַר די יידן אַ קונסט־טעאַטער. צי די יידן ווילן יאָ ליטעראַרישע פּיעסן אָדער ניט, האָט די קליינע גרופּע יידישע שוישפּילער זיך דווקא אונטערגענומען די אַמביציע אויפצופירן די בעסטע אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פּיעסן אין יידיש. ס'אַרט זיי ניט וואָס זיי מאַטערן זיך: נעמען זיי קלענערע ווידזשעס [שכירות], נעמען זיי האַלבע ווידזשעס אַבי אויפצוהאַלטן אַ יידישן קונסט־טעמפּל. ווו זיינען אָבער די באַרימטע יידישע ליבהאָבער פון קונסט און ליטעראַטור? וואָרום קומען זיי ניט העלפן דעם „יידישן קונסט־טעאַטער" אויפצוהאַלטן דעם קינסטלערישן סטאַנדאַרט אין דער טעאַטער־וועלט, איבערהויפּט נאָך, אַז עס ווערט פון זיי ניט געפאָדערט קיין הילף אָדער ביישטייערונגען אַ חוץ צו קויפן אַמאָל אַ טיקעט און קומען זען אַ גוטע „שאָו"?

צוויי תירוצים זיינען פאַראַן דערויף: אָדער דער „יידישער קונסט־טעאַטער" קומט ניט נאָך זיינע פּרעטענזיעס און זעגלט אונטער אַ פרעמדער פאָן, אָדער עס איז ניטאָ קיין גענוגנדער אינטעליגענטער

יידישער פּובליקום, וועלכער זאָל זיך אונטערנעמען צו באַזוכן אַ קונסט־טעאַטער, ווו ערנסטע קינסטלער האָבן ניט פאַרוואַנדלט זייער קונסט אין אַ פּורים־שפּיל.

אַז דער „יידישער קונסט־טעאַטער" איז אַ קונסט־טעאַטער, איז קיין שום ספק ניטאָ. עס איז די היים פון אַ גרופּע יונגע, זייער פעיקע און טאַלענטפולע שוישפּילער מיט אַן ערנסטער באַציִונג צו זייער קונסט און אַ גרויסע אַמביציע צו שפּילן אין די בעסטע ליטעראַרישע פּיעסן. מען דאַרף נאָר באַזוכן דעם טעאַטער איין מאָל און מען מוז טיילן דיזע מיינונג. דער גרויסער רעפּערטואַר פון ערנסטע ליטעראַרישע פּיעסן איז דער בעסטער באַווייז דערצו. די וואונדערבאַרע אויפפירונג פון „רעוויזאָר", „דאָס גרויסע געווינס" און „אַנאַטעמאַ" איז אַ לעבעדיקער עדות דערצו. דער איינדרוק פון דיזע פּיעסן איז אַן אומפאַרגעסלעכער. אונדזערע יידישע טעאַטער־קריטיקער האָבן שוין לאַנג געגעבן בירגער־רעכט דעם „יידישן קונסט־טעאַטער". אַפילו אונדזערע אַריסטאָקראַטישע פיינשמעקער האָבן שוין „אָקעיד" [געגעבן הסכמה] די קונסט פון דעם „יידישן קונסט־טעאַטער". רעצענזירנדיק „רעוויזאָר" האָט דר. קאָראַלניק אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן אַרטיקל וועגן דער אויפפירונג, אויסרופנדיק „אָט אַזוי דאַרף מען שפּילן טעאַטער". אַלזאָ, די ערשטע השערה האַלט ניט אויס. די קונסט איז דווקא דאָרט אַן עכטע, אַן ערשטקלאַסיקע, און די קינסטלער זיינען אודאי ניט שולדיק אין דעם וואָס דער יידישער טעאַטער־עולם שטיצט ניט דעם „יידישן קונסט־טעאַטער".

בלייבט דאַרום די צווייטע השערה, אַז עס איז ניטאָ קיין גענוגנדער אינטעליגענטער יידישער פּובליקום, וועלכער זאָל זוכן קונסט און קינסטלערישן צוזאַמענשפּילן אין טעאַטער. אין פלוג איז דאָס אַן אַפּיקורסישע השערה. וואָס הייסט עס איז ניטאָ קיין אינטעליגענטער יידישער פּובליקום, וואָס זאָל זיך אינטערעסירן מיט אַ קונסט־פאָרשטעלונג? וואָס איז מכוח די באַרימטע ליינס [רייען] אַרום דעם מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע־האַוז פאַר „שטיי־פּלאַץ" צו די אָפּערע־פאָרשטעלונגען? און וואָס איז מכוח דעם ניו־יאָרקער גרויסן [יידישן] עולם, וואָס באַזוכט די מוזיקאַלישע קאָנצערטן? און ועל כולם, [גאַנץ באַזונדערס] וואָס איז עפּעס מכוח דער טאָגטעגלעכער באַלאַגערונג פון מאָסקווער קונסט־טעאַטער אָדער די לויפעניש אין די עטלעכע ענגלישע טעאַטערס, ווו עס ווערן געשפּילט פּרעטענציעזע פּיעסן? עס איז טאַקע אמת, אַז די יידן אין ניו־יאָרק ליפערן אַ גרויסע צאָל באַזוכער צו אָפּערע, קאָנצערטן און ליטעראַרישע דראַמען, אָבער ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם פאַקט, קומט מען צום שלוס, אַז דער יידישער עולם איז ניט אַזוי אויסן די קונסט ווי אומשטאַנדן אַרום דער קונסט און הויפּטזאַך — סענסאַציע.

...אין אַמעריקע איז סענסאַציע אַ גאַנגבאַרע סחורה. דער אַמעריקאַנער עולם איז להוט נאָך סענסאַציע ...„בום" [רעש] איז דער לעבנסנערוו פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע. ...אין דיזער הינזיכט זיינען די יידן זייער אַמעריקאַניזירט. די ליבע צו סענסאַציעס האָבן אונדזערע יידן איבערגענומען פון די אַמעריקאַנער מיט דער גרעסטער התמדה. נאָך מער, זיי איבערשטייגן זיי אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט ...דער יידישער עולם, וואָס האָט אַזאַ נאָמען פאַר אַ קונסט־ליבנדן עולם, איז גראָד הינטערשטעליק אין זיין קינסטלערישן געשמאַק, און דערפאַר שאַצט ער ניט אָפּ דעם ווערט פון דעם „יידישן קונסט־טעאַטער". וואָלטן די יידישע צייטונגען כאָטש „געבומט" די



שוישפּילער פון „יידישן קונסט־טעאַטער" אַלס „די גרעסטע אין דער וועלט", וואָלט דער „יידישער קונסט־טעאַטער" כאָטש געקראָגן פּובליסיטי אין די ענגלישע ראַדיקאַלע צייטונגען, און וואָלט דער „יידישער קונסט־טעאַטער" געקאָנט אַנאָנסירן עפּעס אַ סענסאַציע, אַז מאָריס געסט, צום ביישפּיל, וויל אַנגאַזשירן זיינע שוישפּילער פאַר אַן ענגלישן קונסט־טעאַטער, דאַן וואָלט זיך דער יידישער טעאַטער־עולם פאַראינטערעסירט מיט דעם „יידישן קונסט־טעאַטער", און מיט דער קונסט, ווייל דער יידישער טעאַטער־עולם זוכט ניט קיין קונסט, נאָר פּיקאַנטקייט און סענסאַציע.

די צרה מיט דעם יידישן עולם איז דאָס אַפילו די אינטעליגענץ איז אַ האַלב־געבאַקענע. ניט באַקומענדיק קיין סיסטעמאַטישע ערציִונג און ניט דורכמאַכנדיק קיין ספּעציעלע בילדונג אין פאַרשיידענע קונסטן, איז דער יידישער עולם ניט מסוגל אָפּצושאַצן און שטיצן אמתע קונסט, און ווי יעדער פּראָסטאַק כאַפּט ער זיך אָן אין דאָס סענסאַציאָנעלע און פּיקאַנטע אין דער קונסט".

## לעאָן קוסמאַן באַהאַנדלט דאָס רעפּערטואַר־פּראָבלעם:

„...דער מאַנגל אין פּאַסיקע שטיקער איז געווען אַן אַלגעמיינער. ניט נאָר האָט אים דער לעצטער סעזאָן געפילט שוואַרצס „קונסט־טעאַטער", וואָס האָט פון דעם הויפּטזאַכלעך געליטן, נאָר ס'האָבן אים געפילט אַלע טעאַטערס כמעט אָן אויסנאַם. ...בנוגע דעם „יידישן קונסט־טעאַטער" זעט זיך די לאַגע פיל דייטלעכער. אָט דאָס טעאַטער איז זייט פינף יאָר צוריק געבויט געוואָרן פון מאָריס שוואַרץ נאָך זוכן און שטרעבן. דורך דאָס לעכצן נאָך בעסערס פון זיין יונגער קינסטלער־קאָמפּאַני, און דורך פּרץ הירשביינס פּיעסן, וועלכע זיינען יאָרן־לאַנג געלעגן פאַרשטויבט אויף די פּאָליצעס און זיינען פון אונדזערע סטאַרס ניט באַרירט געוואָרן. אַזוי איז געשען, אַז דאָס טעאַטער איז אַוועק אויף אַ רעאַליסטיש־קינסטלערישן וועג מיט אָפּווענדונגען ווען ניט ווען נאָך דעם רוף פון אַנדערע קונסט־ריכטונגען, וועלכע האָבן דעם טעאַטער קיין גוטס ניט געטאָן, בעת אין דעם „קונסט־טעאַטער" איז פאַרבליבן מאָריס שוואַרץ מיט זיין אייזערנעם ווילן צו שאַפן אַלץ ווייטער און העכער אַ שטענדיקע קינסטלער־קאָמפּאַני, אַמאָל אַ שוואַכערע, אַמאָל מער געקליבענע, אָבער שטענדיק בערייט צו שפּילן גוטס, איז אָבער באַלד אויף דעם צווייטן סעזאָן פון אים אַוועק דער וועמנס פּיעסן האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם „יידישן קונסט־טעאַטער" אין אַמעריקע, פּרץ הירשביין, וועלכער האָט געפונען פאַר פּאַסיקער און געוונטער צו מאַכן אַ רייזע איבער דער וועלט איידער צו זיצן זומער אין די קעטסקילס און שרייבן פּיעסן און אויסקוקן ווינטער אויף זייער ערפּאָלג. דער אַוועקגיין פון הירשביין איז געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דעם „קונסט־טעאַטער", וועלכער איז געוואָרן אַ לעבנס־באַדערפעניש פאַר מאָריס שוואַרץ, די יונגע שטרעבנדע שוישפּילער און פאַר דעם אינטעליגענטערן טעאַטער־פּובליקום. צו הילף דעם טעאַטער זיינען געקומען די פאַרשטאָרבענע יידישע שרייבער שלום־עליכם, י. ל. פּרץ און אַנסקי מיט זייערע פאַרבליבענע פּיעסן און אַ פּאָר דראַמאַטורגן פון פרעמדע שפּראַכן. אַ „יידישער קונסט־טעאַטער" קאָן אָבער לאַנג ניט עקזיסטירן אויף פאַרשטאָרבענע יידישע שרייבער און ניט אויף לעבעדיקע אייראָפּעיִשע דראַמאַטורגן, ווי גרויס און באַטייטנט זיי זאָלן ניט זיין. עס מוז זיין אַ לעבעדיקער

יידישער קוואַל פֿון וואַנען אַ יידיש קונסט־טעאַטער דאַרף שאַפֿן כדי עס זאָל האָבן דעם לעבנס־שטעמפּל אויף זיך. ווען דאָס איז ניטאָ, אַזוי העלפֿט ניט דער שטאַרקער ווילן און די בעסטע כוונות פֿון די שוישפּילערקינסטלער און פֿון דעם פּובליקום.

איז אָבער די לאַגע אַזוי, אַז די יונגע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז זייער רייך אין פּאָעטן, וועלכע דערטרינקען אונדז אין לידער, גאָרניט אָרעם מיט פּראָזע־שרייבער, וועלכע פֿאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ, אָבער אויף דעם געביט פֿון דראַמע איז זי כמעט אַ וויסטע. עס איז אַן אָפֿענער סוד, אַז אַ גרויסער טייל, אויב ניט דער רוב פֿון די יונגע יידישע שרייבער אַן אַמעריקע פֿאַרהאַלטן זיך נעגאַטיוו צו טעאַטער בכלל און צו דער דראַמע בפֿרט, באַהויפּטנדיק, אַז שפּילן טעאַטער און שרייבן דראַמע געהערט ניט צו קונסט, נאָר איז עפּעס אַ מלאכה. ביי אָט די יונגע שרייבער עקזיסטירט כמעט אַ "יוניאָן" ניט צו שרייבן קיין פּיעסן בכלל. איך ווייס ניט פֿון וואַנען עס נעמט זיך צו זיי אַזאַ שטעלונג צו דראַמאַטישער קונסט, צי פֿון אימפּאָטענץ? מען האָט אפֿשר געפּרוווט שרייבן דראַמען און עס גייט ניט, אָדער איז עס טאַקע ביי זיי נאָר אַזאַ אָרגאַנישער ווידערווילן, וואָס לייקנט אָפּ דעם קינסטלערישן ווערט פֿון איינער פֿון די העכסטע קונסט־פֿאָרמען. אויב עס איז דער ערשטער פֿאַל, דאַן שטעלן זיי זיך אין דער פּאָזע פֿון יענעם פֿוקס קעגן די ווייַנטרויבן. אין צווייטן פֿאַל קאָן מען זיי נאָר באַדויערן, ווייל אָט דער דעפֿעקט קאָן פֿירן צו דער רויִנע פֿון דער גאַנצער יונגער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. עס איז ניטאָ דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פּונקט אויספֿירלעכער. איין אויסנאַם איז דער דיכטער לייוויק, וועלכער האָט יאָ איינגעשלאָגן אַ סטעטשקע אויף דעם דראַמאַטישן פֿעלד מיט זיין "גולם", "שמאַטעס" און "אַנדערש" (אַגב אורחא צו דער שטאַרקסטער ניט־צופֿרידנקייט פֿון זיינע קאָלעגן). זיין "שמאַטעס" האָט לעצטן סעזאָן געגעבן האָפֿנונג, אַז דאָס "יידישע קונסט־טעאַטער" האָט אין לייוויקן געוווּנען אַ באַטייטנדע קראַפֿט. ליידער האָט זיין "אַנדערש", וואָס איז קענטיק געשריבן געוואָרן אין איילעניש, דערוויל ניט דערפֿילט די אויף אים געלייגטע האָפֿנונגען, און שוואַרץ האָט זיך געזען געצוווּנגען באַלד אויף די דריטע וואָך צו גרייטן גאָגאָלס באַרימטע קאָמעדיע "דער רעוויזאָר".

שוין דער פֿאַקט אַליין, אַז די גאַנצע צייט האָבן מיר געהערט, אַז שוואַרץ וועט עפֿענען זיין "קונסט־טעאַטער" מיט אַנדרעיעווס "אַנאַטעמאַ" און ניט מיט קיין יידישע פּיעסע, צייגט די טרוקעניש, וואָס הערשט אויף פּיעסן פֿאַר דעם בעסערן טעאַטער. לייוויק איז מיט זיין "אַנדערש" אונטערגעקומען אין לעצטן מאָמענט, בסך־הכל אַ צוויי וואָכן פֿאַרן עפֿענען, און דאָס מיט ניט קיין געלונגענער שטיק. און דער פֿאַקט, אַז באַלד נאָך "אַנדערש" גיט שוואַרץ דעם "רעוויזאָר", און ווידער ניט קיין אָריגינעלע יידישע פּיעסע, איז אַ סימן דלות. אמת, די העכסט קינסטלערישע אויפֿפֿירונג פֿון "רעוויזאָר" איז איינע פֿון די ערשטע פֿון די גרעסטע געווינסן פֿאַר דעם "קונסט־טעאַטער" און זי וועט זיכער געקרוינט ווערן מיט דעם גרעסטן ערפֿאָלג צו דער צופֿרידנהייט פֿון אַלע קונסט־ליבהאָבער, אָבער דאָס ענדערט ניט די אַלגעמיינע סיטואַציע אין וועלכער דאָס "קונסט־טעאַטער" געפֿינט זיך בנוגע פּיעסן. פֿיל פֿאַרשפּרעכנד פֿאַר דעם בעסערן טעאַטער איז אויך געווען דער אַריבערגעקומענער פּ. בימקאָ מיט זיין "גנבים" און "דעמבעס", וועלכע האָבן ווידער ניט געהאַט דעם געווינטשן ערפֿאָלג. פֿאַר



דעם סעזאָן דאַרף ער ערשט צייגן וואָס ער פֿאַרמאָגט. נאָר וואָס איז שייך די אויסזיכטן וואָס אַ "יידיש קונסט־טעאַטער" אין אַמעריקע האָט אויף די דראַמאַטישע שאַפֿונגען פֿון דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, זיינען זיי דערוויל זייער טרויעריקע. עפּעס וועט מוזן געטאָן ווערן צו ברעכן די "יוניאָן אויף ניט" פֿון די יונגע יידישע שרייבער און זיי באַוועגן צו נעמען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דראַמאַטישע קונסט מיט ממשותדיקע אַרבעטן פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון יידישער דראַמאַטישער קונסט אין אַמעריקע, אָן וואָס די יונגע יידישע ליטעראַטור דאָ איז אין געפֿאַר צו בלייבן אַ טויטער בוכשטאַב".

**אין אַ לייטאַרטיקל באַהאַנדלט די צייטשריפֿט „טעאַליט" דאָס פּראָבלעם פֿון יידישן טעאַטער און די יידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט, און שטעלט זיך אָפּ אויפֿן פֿאַקט, אַז רעליגיעזע שולן זיינען יידן תמיד גרייט אונטערצושטיצן**

„...עס וואָלט מסתמא ניט געווען קיין איבעראַשונג פֿאַר געוויסע כלל־טוער ווען מען ווייזט זיי אָן, אַז די צאָל מענטשן, וואָס באַזוכן יידיש טעאַטער דורכן יאָר איז ניט קלענער ווי די צאָל מענטשן, וואָס באַזוכן שולן אין דעם זעלבן יאָר. זיי ווייסן עס. ווען עס קומט צו פֿאַרשיידענע „קאָמפּיינס" און „אַפּילס" באַנוצט מען זיך מיטן טעאַטער ניט ווייניקער ווי מיט דער שול, אָבער איז דען דערפֿון געדרונגען, אַז דאָס טעאַטער אין וועלכן מען קאָן ריידן צו צענדליקער טויזנטער, איז אַ קולטור־אינסטיטוציע פֿאַר זיך?".

**און מאַכנדיק אַ קורצע סומירונג וועגן דעם מהות פֿון דעם אַלטן טיפּ יידיש טעאַטער, קומט דער שרייבער צום אויספֿיר:**

„אַזאַ באַציִונג איז דאָ צום אַלטן טעאַטער, און דאָס נייע איז נאָך צו יונג און האָט נאָך ניט געהאַט קיין צייט צו באַשאַפֿן אַ נייע טראַדיציע. ס'איז אמת, אין די עטלעכע יאָר פֿון זיין עקזיסטענץ האָט דאָס נייע טעאַטער, דאָס „קונסט־טעאַטער", געקראָגן אַן אָנהענגערשאַפֿט און רעפּוטאַציע, אָבער ווען די רעפּוטאַציע איז געשטעלט געוואָרן צום נסיון, ווען דער אַזוי־גערופֿענער פֿאָלקס־פֿאַרבאַנד, וואָס האָט זיך געגרינדעט אַרום דעם טעאַטער, האָט זיך באַמיט צו זאַמלען פֿאַר אים אַ מיטגלידערשאַפֿט מיט אַן אָפּצאָל פֿון בלויז איין דאָלאַר אַ יאָר, זיינען די רעזולטאַטן געווען גאַנץ קלעגלעך. און וואָס איז שייך דער אידעע פֿון שאַפֿן אַ גרעסערן פֿאָנד, וואָס זאָל קאָנען דאָס קונסט־טעאַטער פֿאַרוואַנדלען אין אַ פֿאָלקס־אייגנטום, וואָס איז שוין דאָ צו ריידן וועגן דעם?

און דער פֿאָלקס־פֿאַרבאַנד איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן שוין ניט פֿון יענע יידן ביי וועלכע יידישקייט און טעאַטער בינדן זיך ניט, נאָר ער איז אָרגאַניזירט געוואָרן פֿון אַלע ראַדיקאַלע עלעמענטן (רעכטס און לינקס צוזאַמען), וואָס דאַרפֿן שוין קאָנען איינזען דעם גוואַלדיקן קולטורעלן איינפֿלוס פֿון טעאַטער און זיין אמתע דערציערישע באַטייטונג. דאָ זיינען געווען די פֿאָרשטייער פֿון אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַליין בילדונגס־דעפּאַרטאַמענטן, וואָס גיבן אויס געלט אויף בילדונג און פֿאַר וועלכע די שאַפֿונג פֿון אַ נייטיקער סומע פֿאַר אַ פֿאָלקס־טעאַטער וואָלט גאָרניט געווען אַזאַ שווערער ענין אויב נאָר זיי זאָלן וועלן די סומע שאַפֿן. אָבער אַלע הונדערט און צוואַנציק דעלעגאַטן פֿון אַלע מעכטיקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צוזאַמען האָבן איז משך פֿון חדשים

ניט באַוויזן צו שאַפן אַפילו דאָס, וואָס איז נייטיק געווען אויפצוהאַלטן די קליינע אָרגאַניזאַציע פון פאַרבאַנד, און ווער רעדט שוין פון אַ טעאַטער־פאָנד. זיי האָבן עס ניט געקאָנט, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט דעם מוט צו גיין צו זייערע גרויסע אָרגאַניזאַציעס ריידן וועגן אַ פאָלקס־טעאַטער, און זיי האָבן דעם מוט ניט געהאַט, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז יידיש טעאַטער — דאָס בעסטע אַפילו — איז נאָך ביי היינטיקן טאָג ניט די סחורה, וועלכע מען קאָן גיין פאַרקויפן (ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט) צו יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. מען האָט זיך דאָרט נאָך ניט אויסגעלערנט קוקן אויף טעאַטער אַזוי, אַז דאָס זאָל אַריין אין דער פּראָגראַם פון בילדונג. דאָס טעאַטער האָט נאָך דערווייל ניט דערוועקט יענעם דרך־ארץ צו זיך, אַז מען זאָל עס באַטראַכטן פאַר אַ כבוד און פליכט אים צו דערהאַלטן אָדער שטיצן. בלייבט איבער פאַר דעם טעאַטער אַליין די באַציִונג צו זיך אויסצוהאָדעווען און דערוועקן דעם דרך־ארץ צו זיך, וועלכער זאָל אַרויסרופן דעם פאַרלאַנג אים צו וועלן שטיצן. מוז דאָס טעאַטער קלאָר איבערצייגן זיין ווערט כדי די, וואָס זעען עס ניט, זאָלן דערזען דעם געוואַלטיקן קולטורעלן אינסטרומענט אין אים. עס איז דער שטענדיקער פאַרכשופטער קרייז. דאָס קינסטלערישע טעאַטער קאָן עקזיסטירן נאָר דעמאָלט ווען עס האָט די נייטיקע סביבה פאַר זיך, און דאָס טעאַטער אַליין דאַרף עס זיין דער שטאַרקסטער אינסטרומענט די סביבה צו באַשאַפן. מיט מאַטערניש איז אָנגעקומען יעדע פּיאָנערן־אַרבעט אויף דעם געביט, און אויך אין דעם פאַל איז די יידישע טעאַטער־געזעלשאַפט גרייט צו דער מי וועלכע איז נייטיק ווייטער צו פירן יענע דערגרייכונג צו וועלכער דאָס נייע יידישע טעאַטער איז שוין געקומען".

**אין זיין אַרטיקל „ליכט און שאָטן" באַרירט אַ ווילנער דעם קריזיס אין יידישן טעאַטער, און ער רוקט אַרויס פּראָבלעמען — ווי אַ פאַרדעקטע אַטאַקע קעגן שוואַרצן:**

„...איז דאָ ביי אונדז אין די „ליטעראַרישע טעאַטערס (טעאַטערס, ניט „טעאַטערע", ווי מען שרייבט ביי אונדז: דאָס איז ניט יידיש און אַפילו ניט דייטש) איז דאָ ביי אונדז דאָס, וואָס רופט זיך ביי לייטן רעזשי? מען מאַכט „פּראָבעס", אָבער ווער גיט אַכטונג אויף די פּראָבעס? ווער לערנט אונדזערע אַקטיאָרן שפּילן? ווער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער „אויסשטאַטונג" און פאַר אַלץ, וואָס קומט פאָר, אָדער קומט ניט פאָר אויף דער בינע? שפּילן קאָן מען נאָך אַמאָל מיטן רוח הקודש אַליין (הגם איך צווייפל שטאַרק צי קאָן מען זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויפן „הייליקן גייסט". ניטאָ נאָך אַזאַ אויסגערעכנטע, נאָך אַזאַ געמאָסטענע און געוווּיגענע און געמאַכטע קונסט, ווי די קונסט פון מאַכן זיך, פון פאַרשטעלן זיך) אָדער אַנדערע לערנען שפּילן און בכלל אָרגאַניזירן אַ שפּיל. דאָס איז געוויס ניט קיין זאַך פון לויטער אינספּיראַציע. דאָס איז אַ וויסנשאַפט, אויך אַ טעכניק, ניט נאָר אַ קונסט, און אַ וויסנשאַפט זייער אַ רייכע, אַ טעכניק זייער אַ קאָמפּליצירטע. מען דאַרף קענען פאַרשטיין און געבן צו פאַרשטיין דעם זינען פון די פאַרשיידנסטע סאָרטן ליטעראַרישע קונסטווערק. מען דאַרף קענען גוט די אַלט היסטאָרישע אָדער סתם ווייטע, פרעמדע, עקזאָטישע סביבה, ווו עס שפּילט זיך אָפּ די דראַמע. מען דאַרף קענען אויף דעם אָדער יענעם אופן, מיט די אָדער יענע מיטלען, רעפּראָדוצירן די סביבה אָדער ווייניקסטנס געבן זי אונדז פילן אויף דער בינע. מען דאַרף קענען קומען צו הילף דער שפּראַך פון ווערטער און באַוועגונגען מיט די שפּראַכן





פון קלאַנגען, פאַרבן, ליכט־ווירקונגען, פּלאַסטיק א. ד. ג. מען דאַרף, מיט איין וואָרט, זיין באַהאַוונט אין פילע פאַרשיידענע וויסנשאַפטן און קונסטן, ניט נאָר האָבן טאַלענט, געשמאַק און פאַנטאַזיע. מען דאַרף זיין ענציקלאָפּעדיש געבילדעט כדי צו קאָנען זיין אַ רעזשיסער. מען דאַרף זיך אַליין לערנען לאַנג און פיל כדי צו קאָנען לערנען אַנדערע די הויכע קונסט און פאַרוויקלטע טעכניק פון שפּילן טעאַטער. איך רייד שוין ניט וועגן דעם וואָס מען דאַרף נאָך דערצו זיין געבענטשט פון דער נאַטור מיט די אַלע פעיִקייטן און טאַלענטן, וואָס זיינען נייטיק צו זיין אַ לערער. אַ פירער, אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַזאַ פילזייטיקער קינסטלער ווי דער רעזשיסער מוז זיין. זיינען דאָ ביי אונדז אין טעאַטער מענטשן, וואָס האָבן כאָטש אין אַ מינימאַלער מאָס די אַלע נייטיקע פעיִקייטן און קענטנישן?

מען רעדט וועגן רעאַליזם, אימפּרעסיאָניזם. איך בין אייך מוחל די „איזמען". איידער צו לערנען תוספות מיט מהרש"א, מוז מען קענען אַלף־בית, עברי. מען מוז האָבן אַ פונדאַמענט. איך האָב דערמאָנט די נייטיקייט פון אַ גוטער, קאָמפּעטענטער רעזשי. אָבער איך האָב מורא, אַז ביי אונדז איז בכלל ניטאָ קיין פאָרברייטונג, קיין שטודיום און קיין לאַבאָראַטאָרישע אַרבעט אין טעאַטער. יעדנפאַלס עקזיסטירט עס ניט ווי אַ שטענדיקע, אָבליגאַטאָרישע זאַך. והראיה, עס ווערן אויפגעפירט אָפט זאַכן אָן קיין שום פּראָבעס אָדער מיט פּראָבעס נאָר פון יוצא וועגן. ביי לייטן אַרבעט מען, האָרעוועט מען, שטודירט מען איידער מען פירט אויף אַ נייע זאַך חדשים־לאַנג. עס איז אַ שול דאָס טעאַטער פאַר די אַקטיאָרן איידער עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. מ'פּרובירט אויס דעם טעקסט, מ'פּרוווט און מ'לערנט די אַקטיאָרן. אויב מען דאַרף מאַכן ענדערונגען אין דער דראַמע, אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער טרופּע און אין דער גאַנצער אינסצעניִרונג, מאַכט מען עס פאַר דער ערשטער פאָרשטעלונג. ביי אונדז לערנט מען זיך שפּילן אַ דראַמע אויף דער בינע. דעם טעקסט אַפילו חזרט מען פאַרן פּובליקום אין די אויגן אָדער, ריכטיקער, אין די אויערן (וועגן איינצלנע אַקטיאָרן־אויסנאַמען, וואָס אַרבעטן אויף זייער שפּילן, רייד איך ניט. כ'האָב אין זינען דאָס טעאַטער אַלס גאַנצעס. איר גייט צו אַ קונסט־פאָרשטעלונג, ערשט עס איז גאָר איינע פון די ערשטע פּראָבעס צו אַ טעאַטער־שפּיל. אונדזערע אַקטיאָרן האָבן ניט קיין טעאַטער־שול ניט איידער, ניט נאָכדעם ווי זיי ווערן אַקטיאָרן: מאַכט מען פון דער סצענע אַ שול. די בינע איז אַ שול (און אַן אויסגעצייכנטע שול) פאַרן אַקטיאָר, אָבער נאָר דאַן ווען זי איז אַ בינע. ביי אונדז איז קיין בינע ניטאָ. עס זיינען דאָ נאָר מער אָדער ווייניקער געלונגענע אימפּראָוויזאַציעס. אימפּראָוויזאַציעס קאָנען געבן אַמאָל אַ גוטן ספּעקטאַקל. זיי קאָנען אָבער ניט שאַפן יענעם גרויסן קאָמפּליצירטן און פילזייטיקן קולטור־אָרגאַניזם, וואָס הייסט: טעאַטער.

עס זיינען דאָ ביי אונדז גוטע טאַלענטפולע אַקטיאָרן. עס זיינען דאָ (אָדער עס קאָנען זיין: מען קאָן שאַפן אויך איבערזעצונגען) גוטע דראַמעס. עס פעלט אויך שוין ניט קיין פּובליקום פאַר אַ קינסטלערישן טעאַטער. דאָס איז ציגל און ליים. דאָס זיינען בויער פון יידישן טעאַטער־בנין. עס דאַרף קומען דער בוי־מייסטער. אַז ער וועט קומען, וועט מען שוין ניט דאַרפן מער שטעלן די עלעמענטאַרע פאָדערונגען, וואָס אויף זיי האָב איך אָנגעוווּנקן. עס וועט ניט נייטיק זיין מער צו האַלטן אַ טייטל אין האַנט און לערנען אַלף־בית, און צו דער עפענונג פון סעזאָן וועט מען

קאָנען דאַן ריידן וועגן מער קאָנקרעטע פּרטים. מען וועט, אגב, דאַן אויך מער וויסן וואָס עס גרייט זיך צום סעזאָן. איצט הערט מען נאָר וועגן די סכסוכים צווישן דער אַקטיאָרן־יוניאָן און די טעאַטער־דירעקטאָרן".

## „מאָטקע גנב"

**דעם 23 אָקטאָבער 1922 ווערט א'ר פֿון מאָריס שוואַרץ אויפֿגעפֿירט „מאָטקע גנב" פֿון שלום אַש, מיט מוני ווייזענפֿריינד אין דער טיטל־ראָל. די ראָל ווערט אויך דובלירט פֿון מאָריס שוואַרץ.**

### ב. גאָרין שרייבט:

„מיט אַ יאָר זעקס־זיבן יאָר צוריק איז „מאָטקע גנב" אויפגעפירט געוואָרן אין קעסלערס טעאַטער און קעסלער האָט געשפילט די ראָלע פון מאָטקע. די [דאָס] שטיק איז דעמאָלט דורכגעפאַלן. קעסלער איז געווען צו אַלט און צו שווער פאַר דער דאָזיקער ראָלע און מיט זיין הויכן וווקס און אין זיינע יאָרן האָט ער ניט געטאָרט שפילן אַ יונגן בחורל. נאָר אַזעלכע שוואַכקייטן האָבן געהאַט אַלע סטאַרס און זיי האָבן זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט זייערע יאָרן, אָבער עס וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו דענקן, אַז צוליב דעם איז די [דאָס] שטיק דורכגעפאַלן. „מאָטקע גנב" איז דורכגעפאַלן, ווייל די [דאָס] שטיק איז ניט געווען געבויט פאַר אַ בינע. „מאָטקע גנב" איז אויפגעפאַסט געוואָרן לכתחילה אין דער פאָרם פון אַן ערציילונג, און ווען די דאָזיקע פאָרם איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער בינע, איז אַרויסגעקומען אַן אומגעלומפערטע זאַך און די דראַמע האָט פאַרלאָרן איר גאַנצן ווערט.

איצט האָט מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט „מאָטקע גנב" און די הויפט־ראָל האָט ער געגעבן דעם יונגן מוני ווייזענפריינד. מיט זיין אויסזען און מיט זיין יוגנט איז מוני ווייזענפריינד בעסער צוגעפאַסט צו דער ראָל פֿון מאָטקע, און טאַקע, עס איז געווען גענוג אים צו זען אין דער דאָזיקער ראָל אין דעם צווייטן אַקט, אַז מיר זאָלן ניט צווייפלען, אַז פאַר אונדז שטייט מאָטקע. אַ געפיל פון ברוגז, כעס, ליבע און אייפערזוכט שפיגלט זיך אָפּ אין זיין האַלטונג און עפּעס קינדערישעס און אומבאַהאָלפנקייט איז אויסגעגאָסן אויף דעם, און דאָס רופט גלייך אַרויס ביים צושויער אַ וואַרעמען געפיל צו אים, נאָר אַ בחורל פון אַ יאָר זיבצען־אַכצן קאָן ווייזן אַזאַ ברוגזקייט, אָדער בעסער ווי מען זאָגט עס אין ענגליש, „סאָלקינעס". ביי אַן עלטערן מענטשן וועט די לייכטערע שאַטירונגען פון אומבאַהאָלפנקייט פאַרשווינדן אין די ברוגזקייט און אַ רוגזקייט און אַנשטאָט די וואַרעמקייט וועט אַרויסקומען די האַרטקייט. אין דעם דערמאָנטן אַקט איז ער געווען פֿון אָנהייב ביזן סוף אויסגעצייכנט. אין דעם דריטן אַקט איז שוין דאָס שפילן ניט געווען אויסגעהאַלטן. ער האָט דאָ געהאַט מאָמענטן אויסגעצייכנטע און אויך זייער שלעכטע. זייער שלעכט איז ער געווען ביי דעם שלוס פון דעם דריטן אַקט אין דער סצענע מיט דער דראָטן־גייערין, ווו ער ווערט סענטימענטאַל. מאָטקעס געפילן צו איר דאַרפן זיך אויסדריקן גאָר אַנדערש. אין דעם לעצטן אַקט איז ער שוין געווען בעסער, נאָר אין דער סצענע ווען ער געפינט אויס, אַז חנהלע האָט אים אַרויסגעגעבן, מאַכט ער ניט דעם נייטיקן איינדרוק. דערמיט איז ניט געזאָגט, אַז ער האָט ניט געשפילט מיט גענוג כוח. פאַרקערט, דאָ קאָן זיין דאָס שטיל־



סטע שפילן און דאָס זאָל די צושויער אַ פאַק טאָן ביים האַרצן. מען דאַרף האָבן אין זינען, אַז דאָס איז דער העכסטער מאָמענט פון דער טראַגעדיע. דאָ איז ניט אַזוי, וואָס מען האָט אים אַרויסגעגעבן צו דער פּאָליציי, נאָר וואָס דאָס האָט געטאָן חנהלע, ווי ער דאַרף גלייבן. חנהלע איז געווען זיין גאָט, וואָס האָט אים געמאַכט צעברעכן אַלע עבודה זרהס, און דאָ געפינט ער אויס, אַז דער גאָט איז אַ פאַלשער.

בכלל איז די פיעסע געשפילט געוואָרן גאַנץ גוט און עס דאַרפן דערמאָנט ווערן מרס. אַבראַמאָוויטש, בערטאַ גערסטען, אַננאַ אַפּעל, רובין, מייזעל און לוסי גערמאַן. דער צווייטער אַקט איז אויפגעפירט געוואָרן גאַנץ אַנדערש ווי אין קעסלערס טעאַטער און איז אַרויסגעקומען פיל שענער, נאָר מען האָט פאַרגעסן, אַז דאָ קומט אַריין מאָטקע ביי דער סצענע פון דער גנבה ניט דורך אַ פענסטער, נאָר דורך דערזעלביקער טיר, וואָס אַלע קומען אַריין, און ווען מערי דערציילט, אַז מאָטקע האָט זיך אַריינגעכאַפּט דורך אַ פענסטער, ווערט [עס] אומפאַרשטענדלעך. נאָר, ווי געזאָגט, איז די פיעסע גאַנץ גוט אויפגעפירט און געשפילט געוואָרן".

### אַב. קאַהאַן זעט אין „מאָטקע גנב" אַן אַנאַלאָגיע פון „גאָט פון נקמה":

„אין שוואַרצס טעאַטער ווערט איצט געשפילט שלום אַשס „מאָטקע גנב". איך האָב אויף דיזער פיעסע געגעבן אַ קריטיק אין „פאָרווערטס" דעם 28 מערץ 1917, ווען דאָס שטיק איז אויפגעפירט געוואָרן צום ערשטן מאָל. דאַן האָט קעסלער געשפּילט די הויפט ראָלע, און היינט — ווייזענפריינד. פאַר מיר ליגט איצט דער דריי־קאָלומדיקער אַרטיקל, וועלכן איך האָב דאַן געשריבן וועגן דער דראַמע. דאָרטן איז ערקלערט ווי שווער עס איז צו האָבן אַן אמתן ערפאָלג ווען מען פרוווט דראַמאַטיזירן אַ ליטעראַרישע ווערק, וואָס איז געשריבן ניט אַלס דראַמע, נאָר אַלס ראָמאַן, פאַרוואָס די פיעסע „מאָטקע גנב" איז אַ פיל שוואַכערע זאַך ווי דער ראָמאַן, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען: „פילעס פון די בעסטע שטאָף אין היינטיקן ראָמאַן באַשטייט אין נשמה־בילדער — זאָג איך דאָרטן — אין פסיכאָלאָגישע מאָלעריי... די וויכטיקסטע מאָמענטן זיינען אָפט מאָמענטן פון שווייגן. ווי אַזוי קאָנען דיזע מאָמענטן איבערגעגעבן ווערן אויף דער בינע מיט טיפע איינצלהייטן? די בעסטע שטעלן אין טאָלסטאָיס אָדער דאָסטאָיעווסקיס ווערק זיינען די, וואָס דער פאַרפאַסער אַליין רעדט, היינט ווי אַזוי קאָנט איר זיי דראַמאַטיזירן?". ווייטער האָב איך געזאָגט דאָס פאָלגנדע: „דער ראָמאַן „מאָטקע גנב" מיט אַלע זיינע פעלערן, איז אַ גלענצנדעס ווערק, ער איז פול מיט קינסטלערישע גאָלד, אָבער דראַמאַטיזירן דיזן גאַנצן בוך איז אַבסאָלוט אומעגלעך. מען קאָן דאָס טאָן מיט געוויסע טיילן. דעריבער, ווען מען גייט זען די פיעסע, דאַרף מען איר נעמען אַן און פאַר זיך. מען דאַרף אויף דעם אָוונט פאַרגעסן, אַז עס איז פאַראַן אַ ראָמאַן מיט דעם נאָמען „מאָטקע ,גנב". און ווייטער: „דער וואָס גייט זען דיזע פיעסע אַלס אַ דראַמע מאַכט אַ גרויסן מיסטייק [פעלער], וועלכער מוז אים שטערן צו פאַרנעמען [באַנעמען] און אָפּשאַצן דאָס שטיק. ער קוקט לכתחילה אויף איר דורך פאַלשע ברילן און ער זעט ניט דאָס, וואָס די בינע גיט אים אין אמתן. אויב דאָס איז אַ דראַמע, איז עס לײדער אַ מעלאָדראַמע. אַלס אַזעלכע וואָלט וועגן איר געווען צו זאָגן זייער ווייניק גוטס. דאָס איז אָבער אַ רייע

פון סקיצן מיט אַ געמיינשאַפטלעכן העלד. און דיזע סקיצן זיינען פול מיט לעבנס־קאָליר, פול מיט דעם העכערן סאָרט קונסט־אינטערעס".

אין דעם זעלבן אַרטיקל געפינט זיך אַ שטעלע אין וועלכן עס ווערט גערעדט וועגן דעם בוך „מאָטקע גנב" אין פאַרבינדונג מיט שלום אַשס טאַלענט אין אַלגעמיין. עס ווערט אָנגעוויזן אויף זיין פּאָעטישן רעאַליזם: „אויב לעזענדיק דאָס בוך, פילט מען אָפט, אַז דער פאַרפאַסער פלאָנטערט זיך אַראָפּ פון דעם וועג פון ווירקלעכקייט, אויב דאָ און דאָרטן ווילט זיך אייך אויסשרייען, אַז אין אמתן איז ניט אַזוי, איז דאָס ווייל די פּאָעטישע שטימונג פון דעם שרייבער פאַרניכטעט דעם קלאָרן ניכטערן גאַנג פון דעם לעבנס־באַאָבאַכטער. אַש האָט אַזאַ פייערדיקן טעמפּעראַמענט און זיין איינבילדונגס־קראַפט קאָכט און פלאַמט אין אים אַזוי שטאַרק, אַז שרייבנדיק ווערט ער באַזאָפן פון דעם בעכער פון פּאָעזיע, און ווי געוויינלעך, ביי באַזויפענע, זיינען ביי אים די אויגן ניט גאַנץ קלאָר. זיי זעען פילייכט מער שיינקייט אָדער מער הומאָר אָדער ליטעראַרישע אינטערעסאַנטקייט ווי דעם קאַלטן ניכטערן אמת. ...דאָס גייט אָבער ניט אויף געוויסע שטעלן אין „מאָטקע גנב", וועלכע פאַרקריכן שוין צו ווייט אין מעלאָדראַמע און האָבן צו ווייניק שייכות מיט „ליטעראַרישע אינטערעסאַנטקייט". ...די דראַמאַטישע טיילן פון דער פּיעסע זיינען אַזוי ניט געלונגען, אַזוי אַריינגעשטעלט פון יוצא וועגן, אַז עס איז איינפאַך שונד און עס שטערט די גלענצנדע דראַמאַטישע סקיצן, אַזוי ווי אַ גרילצנדער טאָן, וואָס רייסט זיך אַריין אין דעם געזאַנג פון קאַרוזאָ. דאַן קומען עטלעכע שורות וווּ עס ווערט גערעדט וועגן דעם מאָרד וואָס מאָטקע גנב באַגייט אום צוצונעמען ביי דעם ערמאָרדערטן זיין נאָמען און זיין פּאַס, און וועגן דעם ווי אַזוי מען קומט אים אַרעסטירן און ער שפּרינגט אַרויס פון פענסטער אין דעם העכסטן מאָמענט פון זיין גליק מיט זיין מוטער און זיין כלה. אין דעם אַרטיקל איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף סצענעס, סיטואַציעס, וועלכע ווערן כאַראַקטעריזירט אַלס באַזונדערע סקיצן פון אַ טאַלענטפולן אינהאַלט.

שלום אַש איז זייער אַ באַגאַבטער מענטש און ווען אַ באַגאַבטער שריפטשטעלער נעמט זיך צו מעלאָדראַמע, איז זאָגאַר די מעלאָדראַמע פול מיט טאַלענט. עס איז ניט די זעלבע אַרבעט ווי די וואָס קומט אַרויס ביי די געוויינלעכע שונד־שרייבער. איך האָב ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן און אין פאַרשיידענע פאָרמען אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז שלום אַש האָט דעם גאָלדענעם ריר („דהי גאָלדן טאָטש"). צו וואָס ער רירט זיך צו, ווערט פאַרוואַנדלט אין שיינקייט. אַפילו זיינע אַ שונד־פּיעסע האָט אויך פילע שטעלן פון פּראַכט.

ווען איך בין דיזן מיטוואָך געזעסן אין שוואַרץ טעאַטער און געקוקט אויף דער בינע וווּ מען שפּילט די געשפּראָכענע פּיעסע, איז מיר דייטלעך געוואָרן דאָס פאָלגנדע: דער גרונט־געדאַנק פון „מאָטקע גנב" איז אייגנטלעך דאָס זעלביקע ווי דער גרונט־געדאַנק פון שלום אַשס אומשטערבלעכע דראַמע„ גאָט פון נקמה". אין יענקל שאַפּשאָוויטשן האָט ער געשאַפן אַ טיפּ, וועלכער לעבט אין די עקלהאַפטסטע געשעפטן פון לעבן, אָבער וועמנס האַרץ בלייבט אימער ריין און שיין. דער אינערלעכער מענטש פון דעם יענקל שאַפּשאָוויטש, וועלכער האַנדלט מיט פרויען־שקלאַפן, איז אַ באַגייסטערטער צדיק. פונקט דאָסזעלבע איז אויך מיט מאָטקען. ער איז אַ גנב, ער איז אַ מערדער, ער איז אַ קאַדעט [פרויען־



הענדלער], אָבער די האַרץ איז ביי אים פול מיט ליבע און פול מיט די שענסטע געפילן און נייגונגען. ער איז אַ וווּנדערבאַרער זון צו זיין מוטער און זיין נשמה בענקט נאָך אַ ריינער ליבע, נאָך הייראַטן מיט אַ זויבערע, הויך־אָנשטענדיקע מיידל. מאָטקע גנב איז אַ יונגער יענקל שאַפּשאָוויטש. דאָס איז וועגן דעם עיקר פון דער פּיעסע און ווען איר באַטראַכט אייניקע פון אירע איינצלהייטן, זעט איר אין זיי ווידער ווידערהאָלונגען פון „גאָט פון נקמה". די גאַנצע סצענעס מיט די מיידלעך אין דעם אומאָנשטענדיקן קאַפּע זיינען ניט מער ווי אַ נייער נוסח פון די סצענעס און געשפּרעכן, וועלכע קומען פאָר צווישן די מיידלעך אין יענקל שאַפּשאָוויטשעס אומאָנשטענדיקן געשעפט. און אויב מאָטקע גנב איז אַ יונגער יענקל שאַפּשאָוויטש, דאַן איז די באַלעבאָסטע פון קאַפּע, אין אַ פּאָר וויכטיקע סצענען, דער זעלבער יענקל שאַפּשאָוויטש אין פרויען־קליידער. ווען זי דערהערט, אַז מאָטקע וויל חתונה האָבן מיט איר טאָכטער, מאַכט זי אַ גוואַלד און שרייט, אַז איר טאָכטער מוז נעמען אַ ריינעם, אָרנטלעכן, באַלעבאַטישן יונגעמאַן פון אַ פיינער פאַמיליע, אַ מאָראַלישן, אומבאַפלעקטן איידעם ווייל זי האָבן. דאָס איז אויך יענקל שאַפּשאָוויטשעס אידעאַל פון אַן איידעם.

און אויב אין „גאָט פון נקמה" איז פאַראַן אַ גרויסער פעלער, געפינט זיך פונקט דער זעלבער פעלער אין דער פּיעסע „מאָטקע גנב". מיר האָבן אָנגעוויזן מערערע מאָל, אַז עס איז אומעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז יענקל שאַפּשאָוויטש, וועלכער האָט אַ ליידנשאַפטלעכן ווונטש זיין רבקהלען חתונה צו מאַכן מיט אַ שיינעם פרומען למדן, אַז ער וואָלט דיזע טאָכטער זיינע געהאַלטן אין דעם זעלבן הויז וווּ ער פירט אָן זיינע ביזנעס. דאָס איז אַ צו שאַרפער ווידערשפּרוך צו דער גאַנצער דראַמע. יענקל וואָלט זיין רבקהלען געהאַלטן אין אַן אַנדער פּלאַץ, פילייכט זאָגאַר אין אַן אַנדער שטאָט. פונקט דאָסזעלבע מוזן מיר זאָגן וועגן דער באַלעבאָסטע פון קאַפּע אין באַצוג צו איר בת־יחידה. איר אומשולדיקע געצערטלטע טאָכטער זיצט ביי דער קאַסע און זי לעזט אַ בוך. זי איז די אומשולדיקייט אַליין און אַרום איר שווירבלט און גריבלט דאָס לעבן פון דעם קאַפּע מיט די אומאָנשטענדיקע מיידלעך און זייער קאַדעט וועמען די עלטערן האַלטן צוליב זייערע ביזנעס. ווען די מוטער וואָלט ווירקלעך איר געוואָלט האַלטן ריין און אומשולדיק, וואָלט זי איר ווייניקסטנס דיזן קעשיער־דזשאַב [שטעלע אַלס קאַסירער] ניט געגעבן, אָבער דאַן וואָלט דאָך דער קאַדעט אין איר זיך ניט געקאָנט פאַרליבן, און דאָס דאַרף מען גראָד האָבן צו דעם שונד־סוזשעט. פונקט די זעלבע געשיכטע, ווי די נקמה, וואָס גאָט ברענגט אויף יענקל שאַפּשאָוויטשן דערפאַר וואָס ער פירט אַזאַ ביזנעס. ווען זיין רבקהלע וואָלט אָבער ניט געוווינט אין דעם זעלבן הויז, וואָלט זי ניט באַפריינדעט געוואָרן מיט מאַנקען און דער רבונו של עולם וואָלט זיין נקמה־דזשאַב ניט געקאָנט מאַכן".

## און איצט גייט קאַהאַן איבער צום שפּילן:

„מוני וויזענפריינד ערשיינט אין דער הויפּט ראָלע. ער איז סימפּאַטיש ווי אימער. ער איז מיר אַזוי סימפּאַטיש, אַז עס פאַרשאַפט מיר שמערצן צו זיין געצוווּנגען צו שרייבן די פאָלגנדיקע צײַלן: צום ערשטן מאָל זע איך אים אין אַ ראָלע וווּ ער איז אַבסאָלוט ניט געראָטן. וועגן קעסלערן האָב איך דאַן געזאָגט, אַז צו דער ראָלע פון מאָטקע איז ער צו אַלט, אַז עס פאָדערט זיך

אַ פיל יונגערער מאַן. מר. ווייזענפריינד איז פאַר דער ראָלע יונג גענוג, אָבער ליידער שפילט ער נאָך שוואַכער ווי קעסלער האָט איר געשפילט, פיל, פיל שוואַכער, נאָר אין די מאָמענטן ווען עס קומט אים אויס ניט צו ריידן, איז ער געווען גוט, אָבער אַזעלכע מאָמענטן זיינען אין דיזער פיעסע פאַראַן ווייניק. ער רעדט, ער שרייט, און זיין ריידן און זיין שרייען איז דורכויס דעקלאַמאַציע מיט ווייניק זין און ווייניק טעם. שטייף, לעבנסלאָז און באַטייטונגסלאָז. עס הערן זיך קלאַנגען פון אַ מעכאַנישע פיגור, ניט פון אַ טאַלענטפולן שוישפילער. דעם אמת זאָגנדיק, איז די ראָלע, ווי זי איז פאַר דער בינע צוגעגרייט, זייער ניט קיין געראָטענע. עס איז ניטאָ וואָס צו שפילן. עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס אייגנטלעך דאָ איז. די גאַנצע ראָלע איז אומגעהייער מעלאָדראַמאַטיש, קינסטלעך און צעצויגן. מען זעט דייטלעך, אַז דער טאַלענטפולער, אימער אָנגענעמער און ערפאָלגרייכער ווייזענפריינד ווייסט דאָ ניט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער וואַרפט זיך, ער שרייט, ער מאַכט בייזע מינעס, אָבער עס קומט גאָרניט אַרויס. ווען ער גיט אַ קלאַפּ מיטן פויסט אין טיש און שרייט, אַז די מיידלעך זאָלן ווייטער טרינקען טיי און פאַרבייסן מיט קיכלעך, פילט זיך ניט די שטאַרקע נאַטור, וואָס די ווערטער דאַרפן כלומרשט פאָרשטעלן. אָנשטאָט צו מאַכן אַן איינדרוק פון קראַפט, שאַפן די דאָזיקע ווערטער אין אייך אַ נייגונג זיך פאַנאַנדערצולאַכן. דערפאַר האָבן [אָבער] עטלעכע פון די אַנדערע שוישפילער, וועלכע נעמען אָנטייל אין דיזע פאָרשטעלונג, געשפילט מיט אַ מערקווירדיקן ערפאָלג. מיס גערסטען האָט זיך דורכויס געהאַלטן זייער גוט, און אין די וויכטיקסטע מאָמענטן איז זי איינפאַך געווען אויסגעצייכנט. זי האָט אַ גרויסע ראָלע און זי ערפילט איר אויפגאַבע זייער פיין. אין איניקע מאָמענטן גלענצנד. גלענצנד האָט אויך געשפילט אין איניקע מאָמענטן מרס. אַפּעל, אָבער אין איניקע שטעלן, וועלכע פאָדערן אַ דעליקאַטערע איינבילדונגסקראַפט, איז זי אַריינגעפאַלן אין דעם אמתן לעבנס-טאָן מיט אַלע דעליקאַטע שאַטירונגען, וועלכע האָבן געפאָדערט גענוס. דאָסזעלבע מוז מען זאָגן וועגן רובינען, הויפּטזאַכלעך אין דער סצענע ווו ער טרייעט [באַמיט זיך] צו באַרויִקן דעם קאַדעט, וואָס שדכנט זיך צו זיין טאָכטער. דאָס איז אויך אַ סצענע פון אַן אינטערעסאַנטן, דעליקאַטן און פילפאַכן אינהאַלט. זי געדויערט אַ מינוט פינף אָדער אַכט, און רובין איז אין איר געווען איינפאַך ווונדערבאַר. ער האָט געגעבן אַ מוסטער ווי אַזוי מען דאַרף שפילן. גוט איז אויך געווען גאָניקמאַן. אַ קאָמפּלימענט קומט אויך מיס לוסי גערמאַן (אין דער ראָלע פון ווייזענפריינדס כלה) אין דער סצענע ווו זי האָט אים אי ליב, אי זי שרעקט זיך פאַר אים. בינע אַבראַמאָוויטש אין דער ראָלע פון דער מוטער איז געווען צופרידנשטעלנד, אָבער די ראָלע איז זייער אַ פאַרבלאָזע. „פוירסט רעיט" [ערשטקלאַסיק] איז געווען מייזעל אַלס אַ דיקער קונצנמאַכער און „פייקער" [אָפּנאַרער]. בעסי מאָגולעסקאָ און די איבריקע מיידלעך פון דעם קאַפע זיינען געווען אָלרייט. די ערשטע סצענע אין דעם פראָלאָג ווען די יידן קומען אַריין זוכן מאָטקע גנב און מאַכן אַ געפילדער, איז געווען אַביישפיל פון דעם ווי אַזוי מען דאַרף ניט שפילן. אין אַזאַ סצענע דאַרף זיך פילן, אַז דאָס איז אַ „מאַב" [המון] פון מענטשן, מיט מענטשלעכע קולות. דאָ אָבער האָבן די אַקטיאָרן געפילדערט אַזוי ווי שטימען פון בלעכענע פאָפוגייען. די סצענע גרילצט אין די אויערן".





**אין זעלבן נומער „פאָרווערטס", ווו ס'איז געדרוקט די אויבנגעבראַכטע קריטיק, איז אויך פאַרעפנטלעכט אַ נאָטיץ אין וועלכער ס'ווערט געזאָגט:**

„'מאָטקע גנב' פון שלום אַש איז אַ נייע סענסאַציע אין מיטן דער וואָך אין שוואַרצס קונסט-טעאַטער. צווישן די אַקטן, ווען מען שפילט „מאָטקע גנב", ווערט שוואַרץ אַרויסגערופן אַלס דער רעזשיסער פון דער פיעסע. שוואַרץ ערקלערט אין זיינע רעדעס, אַז מיט „מאָטקע גנב" מאַכט ער אַן אָנפאַנג צו געבן זיינע שוישפילער אַ געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין הויפּט-ראָלן. דיזן מאָל האָט ער געמאַכט דעם אָנפאַנג מיט דעם טאַלענטפולן מוני ווייזענפריינד אַלס „מאָטקע".

יאָ, מען האָט הייאָר גאָר פאַרנעכלעסיקט צו דערמאָנען, אַז היימאַן מייזעל איז אין דעם קונסט-טעאַטער. פון אָנפאַנג סעזאָן איז טאַקע מייזעל ניט געווען אין קיין טעאַטער. שפּעטער האָט אים שוואַרץ צוגעצויגן צו דער קאָמפּאַני. איצט איז מר. מייזעל מזלדיק, און אין „מאָטקע גנב" מאַכט ער זייער געשיקט די שוואַרצע קונצן אַלס דער אַלטער תרח, וואָס איז דער דירעקטאָר פון דעם קליינשטעטלדיקן צירק. מוני ווייזענפריינד, וועלכער שפילט איצט אַלס דער „מאָטקע גנב" פון שלום אַש אין שוואַרצס קונסט-טעאַטער, האָט צופיל זיך אָנגעשטרענגט אין דער שווערער ראָלע. ס'איז צופיל אָנשטרענגונג פאַר אַ מענטשן צו שפילן יעדן טאָג אַזאַ שווערע ראָלע. די ראָלע פון מאָטקע איז אַן אַקטיווע, אַ צו שטאַרקע. דער דאָקטאָר האָט ווייזענפריינדן געהייסן רוען. ער האָט אים ערלויבט פאַר די נעקסטע עטלעכע טעג בלויז צו שפילן אין „רעוויזאָר" אַלס אָסיפּ, ווייל אָסיפּ איז אַ שטילע רויִקע ראָלע, וועלכע פאָדערט ניט צו פיל פיזישע כוחות. „מאָטקע גנב" וועט געשפילט ווערן ווידער נעקסטע וואָך אין קונסט-טעאַטער. ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז מאָריס שוואַרץ גייט אַריין אַלס פאַרטנער מיט מוני ווייזענפריינד אין די „מאָטקע גנב"-ביזנעס. העלפט פון דער וואָך וועט מאָריס שוואַרץ זיין דער „מאָטקע" און די אַנדערע העלפט אין דער וואָך וועט מוני ווייזענפריינד שפילן אַלס מאָטקע. אַזוי איז אייגנטלעך אין וואַרשע מיט „מאָטקע גנב". צוויי אַקטיאָרן[?] האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. מאָנטיק און דאָנערשטיק וועט שפילן מאָריס שוואַרץ און דינסטיק און מיטוואָך וועט די ראָלע שפילן ווייזענפריינד".

**דוד וואַרשאַווסקי שרייבט:**

„...ווען שלום אַש וואָלט ניט געווען דער מחבר פון „מאָטקע גנב", וואָלט שוואַרץ זיכער ניט אויפגעפירט די פיעסע אין זיין קונסט-טעאַטער. דער נאָמען אַש פירט דאָ צום טעות. מוני ווייזענפריינד שפילט מאָטקען. ווייזענפריינד איז אַ קינסטלער, איינער פון אונדזערע בעסטע. ער שפילט אויסגעצייכנט, אָבער ניט קיין מאָטקע גנב. אַ מאָטקע גנב אַפילו אַ חרטהדיקער, איז רוי, גראָב, ברוטאַל, רעוועט, ניט ער איז שטימונגספול. ווייזענפריינד שפילט אויסגעצייכנט אַן איידעלן יונגעמאַן, אַ ראַפינירטן בחור, וואָס 'איז אַריינגעפאַלן צווישן גנבים און וויל זיך אַרויסרייסן פון זיי, אָבער ניט קיין מאָטקע גנב. ער איז בריליאַנט אין זיין ליבע צו דער מוטער, שיין אין זיין ליבע צו חנהליען. וונדערלעך ווען ער גייט מיט זיין מאַמען און חנהלען, ווען ער זעט ווי די שטעטלדיקע וועלן קוקן און פּלאַצן ביים בריוו שרייבן. ער שפילט גוט אַלס מוני ווייזענפריינד, אָבער ניט אַלס מאָטקע גנב. ער איז גיכער אַ סטודענט, וואָס רייסט זיך אַריין אין שאַנד-

הויז און שרייט צו די מיידלעך זיי זאָלן גיין אַהיים צו די מאַמעס. ער איז ניט עפּעס אַנדערש. ער האָט זיכער געשאַפּן אַ מענטשן, וואָס האָט צער,ליידט, פרייט זיך, האָט ליב, אָבער ניט קיין מאָטקע גנב. ער איז ראַפינירט, געצוימט, איידל, כסדר אַזוי. מאָטקע גנב מוז זיין רוי, גראָב. ער קאָן אַנדערש ניט זיין. ער האָט געזויגן פון זיין מוטערס מילך. די מוטער שעמט זיך דאָך ניט צו זאָגן ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער כלה, אַז ער האָט געהייסן מאָטקע גנב און האָט געגנבעט. איר אַרט עס גאָרניט. עס איז גאָר גרינג. ערשט געזעען ווייזענפריינדן אָסיפּ דער רוסישער פויער. דאָרט איז ער אין יעדן טראָפּן בלוט — פויער. דאָ איז ער אָבער ניט קיין מאָטקע גנב.

בערטאַ גערסטען שפּילט די ראָלע אַלס „מערי, די דראָטן־גייערין". אין צירק מיט דעם פּוילישן פּאַן, מיט קאַנאַריקן, מיט מאָטקען — גלענצנד און אויסגעצייכנט, בריליאַנט. זי שאַפט אַ מערי דראָטן־גייערקע. שפּעטער ווען זי פאַרלירט מאָטקען, ווען ער פאַרבייט זי אויף חנהלען, שפּילט זי מיט אַזויפיל שטילן צער, מיט אַזאַ קוואַלנדן ווייטיק און אַזוי רויק, אַנדערש ווי די אַנדערע. מערי איז דאָך אַנדערש ווי די אַנדערע. דער איינדרוק איז אַזוי שטאַרק און גאַנץ פון אָנהייב ביזן סוף. מייזל שפּילט גוט דעם אַלטן „תרח", דעם קאַטערינאַרזש. ער צעשפּרייט אָבער צופיל און זאַלצט איבער. מאַדאַם אַבראַמאָוויטש שפּילט אַ מאַמע. דאָ איז זי מאָטקעס מאַמע און עס וואָלט ניט געשאַדט אין דעם פּראָלאָג ווייניגן אַ ביסל ווייניקער. מאַדאַם אַפּעל איז אַלע מאָל זייער גוט, אָבער דאָ איז איר הינדל ניט געראָטן. לויט די מלבושים איז דאָס אַ הינדל, גערעדט אָבער מיט אַ פרעמד קול. עס איז טאַקע געווען די ערשטע פאָרשטעלונג, אָבער אַפילו צו אַן ערשטע פאָרשטעלונג דאַרף הינדל ריידן מיט איר קול. לוסי גערמאַן, די ריינע חנהלע, איז פיין. נאָר איז דען חנהלע טאַקע אַ ריינע, די טאָכטער פון אַ קאַוויאַרניע־אייגנטימער, אַ קאַוויאַרניע ווו די „אונטרוועלט" קומט אַריין און זי שטייט דאָרט כסדר און דערלאַנגט זיי עסן, הערט זייערע שמועסן; איז דען אַזאַ מיידל אַזוי נאַיוו ווי מאַד. גערמאַן שפּילט זי? מאַרק שווייד שפּילט נאָר אין פּראָלאָג אַ שטעטלדיקן יידן, עטלעכע מינוט, אָבער מען זעט אים. גאָלדשמידט האָט געשפּילט דעם פּאַן ווי פּאַנעס ווערן געשפּילט. ער ציטערט מיט די הענט, קלאַפּט מיט די ליפּן, אַזוי ווי מען ווייס שוין. עס שפּילן נאָך בעסי מאָגולעסקאָ, האָניגמאַן און אַ ביסל צופיל אַמאַטאָריש".

### ב. גאָרין קערט זיך ווידער אוים צו דער אויפפירונג.

„מוני ווייזענפריינדס אינטערפּרעטאַציע פון „מאָטקע גנב" האָט אונדז דערמאָנט די וואַשינגטאָן סקווער פּלייערס. מיט שיינע עטלעכע יאָר צוריק האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמפּאַני, און אין צוויי סעזאָנען האָבן זיי אויף זיך געהאַט די אויגן פון אַלע קונסט־מבינים אין ניו־יאָרק. זייער ערפאָלג איז געווען אַ גרויסער און זייערע פאָרשטעלונגען זיינען פּאַטראָניזירט [אונטערשטיצט] געוואָרן פון אַלעמען, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער בעסערער דראַמע. דורך דער גאַנצער צייט פון די ערשטע צוויי סעזאָנען האָבן זיי געשפּילט דורכויס איינאַקטערס און די שפּילער האָבן זיך אַזוי אויסגעצייכנט, אַז מען האָט זיי אָנגעהויבן אויסצוכאַפּן אין די גרויסע טעאַטערס.



נאָר צום צווייטן סעזאָן זיינען זיי אַריין אין דער אַמביציע צו שטעלן אַ גאַנצע דראַמע און זיי האָבן אויסגעקליבן דערפאַר טשעכאָווס אַ פּיעסע, און עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז די זעלבע שפּילער אין איינאַקטערס, האָבן זיך פאַרלאָרן איז פאַר זיי געווען אַ פרעמדער שרייבער. נייַנציק פּראָצענט פון די איינאַקטערס, וואָס זיי האָבן אויפגעפירט, זיינען אויך געווען פון פרעמדע שרייבער, נאָר שפּילן אין אַן איינאַקטער איז איין זאַך און שפּילן אין אַ גרויסער דראַמע איז אַן אַנדערע זאַך.



איז ניט געווען דערפאַר וואָס טשעכאָוו אין דער גרעסערער דראַמע, און דאָס

דער זעלביקער אונטערשייד איז אויך אין ראָלן. צו אַ גרויסער ראָלע פאָדערט זיך מער ווי טאַלענט. עס פאָדערט זיך אַן ערפאַרונג אין לעבן, וואָס מען קאָן נאָר קריגן מיט יאָרן, און ווי באַגאַבט אַ יונגער שוישפּילער זאָל ניט זיין, קאָן ער די ערפאַרונג פון פינגער ניט אַרויסברעכן".

### ס. דינגאָל שרייבט:

„נאָך „גאָט פון נקמה" איז שווער צו פאַרשטיין צו וואָס שלום אַש האָט דראַמאַטיזירט זיין ראָמאַן „מאָטקע גנב" פאַר דער יידישער בינע. „מאָטקע גנב" אין ראָמאַן־פאָרם איז אַ קונסטווערק. ער איז רייך אין אינהאַלט און איז פאַרביק און פירט אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור אַ ריי נייע טיפּן, וועלכע עלטערע יידישע שרייבער האָבן אפשר אינגאַנצן ניט געקענט, אָדער אַ נאַטירלעכע צניעות האָט זיי געשטערט די דאָזיקע העלדן אַרויסצוברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט. שלום אַש האָט זיך אַ ווײַלע פאַרליבט (קינסטלעריש, מיין איך) אין דער יידישער אונטער־וועלט פון פּוילן און האָט פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט זיין „גאָט פון נקמה". צו וואָס נאָך אַמאָל אַראָפּלאָזן זיך אַהין און אַרויסברענגען דעם זעלביקן יענקל שאַפּשאָוויץ, די זעלבע מאַנקע, די זעלבע רבקהלע, נאָר אַ ביסל אַנדערש געשלייערט?, וואָרעם, וואָס איז טאַקע „מאָטקע גנב", אויב ניט אַ יונגער שאַפּשאָוויץ? ביידע זיינען זיי אויסגעקנאָטן אין זינד, און ביי ביידען אין דער נשמה איז דאָ עפּעס אַ הייליקייט, וואָס גליט ערגעץ און לאָזט אין זיי דעם מענטש ניט אָפּגעווישט ווערן אינגאַנצן. ביי שאַפּשאָוויצן איז דאָס די טאָכטער, ביי מאָטקע גנב איז עס די מוטער אָן וועמנס ריינקייט ער האַלט זיך. באַשע פון „מאָטקע גנב" איז מאַנקאַ פון „גאָט פון נקמה" און שלמה שלאָסנהעקער איז דער זעלבער „יונג", וואָס דרייט זיך אַרום יענקל שאַפּשאָוויצעס הייזל, חנהלע איז די כשרע טאָכטער אינם הייזל אַזוי ווי רבקהלע אין „גאָט פון נקמה".

עס איז דעריבער געווען אַ ביסל לאַנגווייליק צו זען אַ פּיעסע, וועלכע מען האָט שוין פריער געזען אויף דער בינע און אויף אַלע אַנדערע בינעס פון אַמעריקע און אייראָפּע הונדערטער מאָל. עס איז אָבער געווען אינטערעסאַנט צו זען דעם יונגן טאַלענטפולן מוני ווייזענפריינד אין אַ נייער גרויסער ראָל, די ראָל פון „מאָטקע גנב". ווייזענפריינד האָט געהאַט זייער אַ סך שיינע מאָמענטן, אָבער ער האָט ניט צופרידנגעשטעלט אַלע אונדזערע ערוואַרטונגען. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז ניט זיין שולד, נאָר אונדזער שולד. מיר ערוואַרטן פון אים צופיל. ער איז אַן ערשטקלאַסיקער

קינסטלער און טאָר ניט גיין שפּילן קיין אייגענע גרויסע ראָלן אײדער ער פֿילט זיי גוט דורך און שאַפֿט זיי איבער אין זיך אַליין. „מאָטקע גנב" איז ער ניט געווען. ער איז געווען צופֿיל טעאַטראַליש אין זיין פרייד און אין זיין טרויער אין די מערסטע מאָמענטן פֿון זיין שפּילן. דאָ זיינען אייניקע פֿון זיי, אין לעצטן אַקט, וועלכער איז דער אַנטשיידנדער אין מאָטקעס שיקזאַל. ער פירט אַריין די מאַמע אין הויז פון זיין כלה, און זיין מאַמען האָט ער געבראַכט אַהער, אַז זי זאָל זען זיין ערלעכע כלה, און דאָך שפּילט ער מיט דער מוטער אַזעלכע שוידערלעכע לאַנגע סצענעס, איבערנאַטירלעך־לאַנגע, אַזוי ווי חנהלע וואָלט דאָ ניט געווען אין צווייטן צימער פון וואַנען ער קאָן זי שנעל אַריינרופן און פאָרשטעלן פאַר זיין מוטער. אויך ביי זיין אַנטלויפן, ווען די טריט פון דער פאָליציי הערן זיך שוין אונטן, בלייבט ער נאָך לאַנג „שפּילן" מיט דער מוטער און מחותנים ביז דער דאָזיקער דראַמאַטישער מאָמענט גייט איבער אין מעלאָדראַמע. פאַר אַ סך אַנדערע חסרונות פון דער פאָרשטעלונג, ווי דער מאַנעריזם פון בייסן די פויסטן, וואָס כמעט יעדער איינער אין דער פּיעסע טוט עס, די עטלעכע ווידערהאָלטע „פּייט" [געשלעג]־סצענעס, דער סטראַזשניק, וואָס שטעלט [אָן] זיין רעוואָלווער אין פענסטער און שיסט ניט נאָך מאָטקען ביי זיין אַנטלויפן און נאָך אַנדערע דעטאַלן, איז מער פאַראַנטוואָרטלעך די רעזשי ווי די שוישפּילער.

בערטאַ גערסטען האָט אין אַ קלענערע מאָס געהאַט אַלע מעלות און חסרונות פון מוני ווייזענפריינד. זי איז אונדז געפעלן געוואָרן צום בעסטן אין איר שפּילן מיטן אַלטן גראַף. בינע אַבראַמאָוויטש וואָלטן מיר שוין וועלן זען שפּילן אַמאָל שלעכט אַ מוטער־ראָל. זי שפּילט אַלע אירע מאַמעס אַזוי גוט, אַזוי האַרציק, אַז ווען זי וואָלט נאָך שאַפן אַ ביסעלע אַ פאַרשיידנאַרטיקן גרים, וואָלט איר קאָלעקציע פון יידישע מוטערס געווען די רייכסטע אין דער וועלט. קלענערע ראָלן האָבן געהאַט מאַרק שווייד, גרשון רובין, אַננאַ אַפּעל, לוסי גערמאַן און בעסי מאָגולעסקאָ. יעדערער פון זיי האָט עפּעס געשאַפן אין דער ראָל. מאַרק שווייד האָט געהאָט בלויז איין סצענע, אין פראָלאָג, און האָט געשאַפן אַ טיפּ. עס האָבן אויך געשפּילט משה שטראַסבערג, מאַסטער לובריצקי, היימאַן מייזעל, שערמאַן, קלאַראַ האָניגמאַן, פעני גאָלדבערג, שרה זילבערבערג און יצחק האָניגמאַן. צווישן די אַקטן האָט מאָריס שוואַרץ פאָרגעלעזן אַ קייבלגראַם פון שלום אש אין וועלכער ער באַגריסט דעם קונסט־טעאַטער מיט זיין אויפפירונג פון „מאָטקע גנב". שלום אַש געפינט זיך איצט אין אייראָפּע".

## „דאָן זשואַן"



**דעם 20 נאָוועמבער 1922 ווערט אַ'ר פֿון װל. וויטקאָווסקי אויפֿגעפֿירט די קאָמעדיע „דאָן זשואַן" פֿון מאָליער, איבערזעצט פֿון לעאָן קרישטאַל.**

**מ. אָלגין שרייבט:**

„וואָס־וואָס, מוט איז דאָ געגוג ביים „יידישן קונסט־טעאַטער" אונטער דער פירונג פֿון מ. שוואַץ. מ'האָט געדאַפֿט האָבן מוט אויפֿצופֿירן דעם אַלטן רוסישן „רעוויזאָר" אין דער היינטיקער צעטומלטער יידישער גאַס פֿון ניו־יאָרק. מ'האָט געדאַרפֿט האָבן





נאָך גרעסערן מוט אויפֿצופֿירן מאָליערס „דאָן זשואַן". דער ערפאָלג פֿון „רעוויזאָר" איז גרויס און זיכער, און די פּיעסע האָט שוין אויף יאָרן פֿאַרנומען אַ פּלאַץ אינם יידישן רעפּערטואַר. „רעוויזאָר" איז אַ גלאַנץ־נומער אין דער געשיכטע פֿון דער יידישער בינע. אויב די אויפֿפֿירונג פֿון „דאָן זשואַן" גלאַנצט אַפֿילו ניט אַזוי העל ווי „רעוויזאָר", אויב דאָס איז נאָר אַ גוטע און לעבעדיקע פֿאָרשטעלונג, וואָס קאָן צוציען און האַלטן אַן עולם, איז דאָס ביי אונדזערע אומשטאַנדן אויך אַ וויכטיקער אויפֿטו. וואָרעם שפּילן „דאָן זשואַן" איז אין אַן ערך שווערער ווי שפּילן „רעוויזאָר". רוסלאַנד איז אונדז אַלעמען באַקענט. אַ גרויסער טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג האָט געזען אין לעבן די טיפּן פֿון „רעוויזאָר". אַ געוויסער טייל פֿון דער רוסישער פּסיכאָלאָגיע איז צעזייט צווישן די יידישע מאַסן. די פּיעסע גופא מיט איר קלאַסישער קלאָרקייט, מיט איר שאַרפן הומאָר, מיט אירע אויסגעטאָקטע געשטאַלטן, מיט איר דוכזיכטיקער פאַבולאַ, איז צוגענגלעך פאַרן ברייטן עולם. איינמאָל אויפגעפירט ווי ס'געהערט צו זיין, מוז שוין די פּיעסע געפינען אירע יידישע צושויער־מאַסן.

אַנדערש איז מיט „דאָן זשואַן". דער טיפּ איז פרעמד פאַרן דורכשניטלעכן ייִדן. די פּסיכאָלאָגיע פֿונם העלד געפֿינט ניט קיין גלייכן אינם יידישן לעבן פון היינט צי פון נעכטן. מיר האָבן ניט געהאַט קיין דאָן זשואַנס. מיר האָבן זיך ניט באַגעגנט מיט דאָן זשואַנס. אונדזערע אַפּיקורסים האָבן געקעמפט פאַר אַן אידעע, ניט פאַרן פשוטן לעבנס־אינסטינקט. אונדזערע משכילים האָבן ניט מורא געהאַט פֿאַר גאָט און פֿאַרן טייוול, האָבן זיי זיך אָבער געשאַפן שטרענגע אייגענע געטער. אונדזערע רעוואָלוציאָנערן האָבן כסדר מקריב געווען דעם גוף פאַר די שטרעבונגען פון דער נשמה. אַפילו אונדזערע הפקר־יונגן, האָבן זיי דאָך מער גערעדט און דעבאַטירט איידער נאָכגעגאַנגען דעם בלינדן רוף פונם הייסן בלוט. „דאָן זשואַן" איז אונדז פרעמד, און די סביבה פון מאָליערס קאָמעדיע איז אונדז אודאי פרעמד, מ'האָט זיך שוין ביי אונדז אויסגעלערנט שפּילן רוסישע טשינאָווניקעס. מען קאָן שוין אַפילו — מיט צרות — שפּילן אַ יידישן אָדער אַ ניט־יידישן אינטעליגענט, אָבער ווו זאָל זיך נעמען ביי אונדזערע שוישפּילער די פעיקייט צו שפּילן פראַנצויזישע מאַרקיזן, פרינצן, איידללייט, הויף־לייט, דערצו נאָך פונם זיבעצנטן יאָרהונדערט. ווו זאָל זיך נעמען די גראַציעזע באַוועגונג, די לייכטע זאָרגלאָזע פאָרם, דער פליסיקער נאַטירלעכער דיאַלאָג, די אויסערלעכע פיינקייט פון אַ טויזנטיעריקער הערשער־אַריסטאָקראַטיע? היינט די קאָמעדיע גופא: ס'איז ניט לייכט צו שפּילן מאָליערן, ס'פאָדערט זיך אַ הויכע מדרגה פון טעאַטער־קולטור, אַ גרויסע פרייהייט פון טעאַטער־באַוועגונג, אַ גרויסע תמימות, וואָס שטאַמט פון גרויסער ראַפינירטקייט; ס'פאָדערט זיך בויגיקייט, איינפאַל, לייכטקייט, נאַטירלעכע פריילעכקייט, וויץ, שקצריי און פריילעכער, לייכטער, הילכיקער, האַלב־חוזקדיקער געלעכטער. מען דאַרף דאָך ניט פאַרגעסן, אַז אָט די קאָמעדיע שטאַמט פון יענער צייט ווען דער טעאַטער איז נאָך געווען פרימיטיוו, אַז מאָליער מיט זיין טרופּע האָבן יאָרנלאַנג געשפּילט אין טעניס־פּלעצער, וועלכע זיי האָבן אויף גיך פאַרוואַנדלט אין אַ צייטווייליקן טעאַטער, אַז אַנשטאָט דעקאָראַציעס האָבן זיי געניצט פאָרהאַנגען און אָנשטאָט לאָמפּן — וואַקסענע ליכט, אַז די גאַנצע פאָרשטעלונג איז געווען האַלב־ערנסט, האַלב־בופאָנאַדע. יעדער אַקטיאָר

אין אַ גרויסער מאָס — אַ שאַפער פון זיין אייגענער ראָלע, אַלע צוזאַמען — ליבהאָבער פון דער אייגענער טעאַטראַלישער מלאכה, מענטשן, וואָס עס גלוסט זיך שפילן ניט אַזוי צוליב פרנסה, ווי צוליב דעם פאַרגניגן פון שפילן. מאָליערס טרופע איז געווען אַ כאַלאַסטריע פולבלוטיקע עזותניקעס — טייוואָליס.

אויפלעבן אָט יענע בינע, אַריינטראָגן אין איר דעם פאַרצייטיקן גייסט, זיך אינגאַנצן באַפרייען פון די קייטן אין וועלכע די טראַדיציע האָט פאַרשמידט דעם היינטיקן טעאַטער, דאָס איז אַ גרויס פאַרדינסט, אָבער דאָס איז אַ שווערע אַרבעט. אפשר קאָן דאָס גאָרניט געלינגען צום ערשטן מאָל. איז דאָס געלונגען דעם „יידישן קונסט־טעאַטער" אונטער וויסקאָווסקיס רעזשי? אי יאָ, אי ניין. די אויפפירונג איז געווען אַן ערנסטע פראָבע צו מאַכן אַ מאָליער־סטיליזאַציע אויף יידיש. די אַלגעמיינע אַטמאָספערע איז אַרויסגעקומען גאָרניט שלעכט. די דעקאָראַציעס און די קאָסטיומען האָבן געגעבן דעם נייטיקן עפעקט. אייניקע סצענעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט טעמפעראַמענט. דאָ און דאָרט איז געווען דער גייסט פון בופאָנאַדע. דאָ און דאָרט האָט מען געקאָנט פאַרגעסן, אַז דאָס שפילט זיך אויף יידיש אין יאָר 1922. אָפטמאָל האָט זיך אָבער די אויפפירונג אָנגעשטויסן אָן דער אָדער יענער שטרויכלונג. אפשר די גרעסטע שטרויכלונג איז דאָס, וואָס שוואַרץ אין דער ראָלע פון „דאָן זשואַנען" רעזאָנירט צופיל און לעבט צו ווייניק. דער אמתער „דאָן זשואַן" איז ניט קיין דענקער. ער ווייסט ניט פון פראָבלעמען. „דאָן זשואַן" איז לויטער אימפולס, לויטער לעבנס־גענוס, ערלעכער לעבנסגענוס, וואָס קאָן ניט טראַכטן וועגן נעכטן און וועגן מאָרגן. „דאָן זשואַן" איז דערצו אַ גרויסער מחוצף, אַ יונג אַ כוואַט, וואָס האָט אַלעמען אין דער ערד, אַפילו זיין אייגענע זיכערהייט און זיין אייגן לעבן. ווו „דאָן זשואַן" באַווייזט זיך, קאָכט עס מיט פריילעכקייט, מיט וויין, מיט געזאַנג, מיט ליבע. „דאָן זשואַן" איז ווי אַן אָנגעצויגענער בויגן, ווי אַ באַטערעע אָנגעלאָדן מיט קראַפט. זיינע ליבעספלאָנטערס זיינען אויך ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון צופיל לעבנס־קראַפט. מען פילט אים אַפילו ווען ער שווייגט. ער איז מאַגנעטיש, ער איז אַ פולקומענע באַשעפעניש אין זיין אַרט. איר קאָנט אויף אים ניט האָבן פאַריבל. אַזוי איז ער.

אָט די שטראַלן פון לעבנס־ענערגיע שפרייטן זיך ניט אַרום שוואַרצן ווען ער שפילט „דאָן זשואַנען". ס'איז ניט אַ פראַגע פון דעם אָדער יענעם שטריך, ס'איז אַ פראַגע פון אויפפאַסונג. שוואַרץ האָט זיין „דאָן זשואַנען" ניט אָנגעצונדן מיט דעם עכטן סיציליאַנישן פייער. שוואַרץ איז געווען צו יידיש, צו לאַנגזאַם, צו געדאַנקפול. דאָס האָט אָפט געשטערט דעם גאַנג פון דער פיעסע. פיל מער צוגעפאַסט צו זיין ראָלע איז געווען גרשון רובין (סקאַנאַרעל). אים איז געלונגען צו בלייבן דער כיטרער, דורכגעטריבענער, פלינקער און דערביי גראָביאַנסקער דינער פונם אָנהייב ביזן סוף. רובין איז אַ גוטער סקאַנאַרעל. ער האָט ניט געהאַט קיין סך ניואַנסן. ער איז אפשר ניט געווען אַזוי רירעוודיק ווי די ראָלע וואָלט געפאָדערט, אָבער דאָס איז אַ פראַגע פון אינטערפרעטירונג. דאָס לאָזט זיך דיסקוטירן. ווי ס'זאָל ניט זיין, ביי רובינען האָט זיך זעלטן געהערט אַ פאַלשער טאָן. זיין שפילן איז כסדר געווען עפעקטפול. זייער רירעוודיק און קאָמיש איז געווען מאַרק שווייד אין דער ראָלע פון פיעראָ. די ראָלע איז אַ קליינע, אָבער שווייד האָט איר געגעבן אַ כאַראַקטער. יחיאל גאָלדשמידט אין דער ראָלע פונם סוחר און מוני



ווייזענפריינד אין דער ראָלע פונם פאָטער זיינען געווען ניט שלעכט. פון די פרויען איז בערטאַ גערסטען געווען אַ געלונגענע עלווירא. אין איר לעצטן אויפטריט, ווען זי איז אָנגעטאָן אין נאָנען־קליידער און איז לויטער תפילה און פאַרגעבונג, האָט גערסטען אַרויסגעוויזן אַ סך ווייבלעכקייט, צאַרטקייט און ליריזם. לוסי גערמאַן אין דער ראָלע פון דער פויערישער מיידל מאַסורינאַ, איז געווען אי שעלמיש, אי קאָמיש, אי פול מיט טעמפעראַמענט. זי האָט באַשאַפן אַן אָנגענעמען טיפ. בעסי מאָגולעסקאָ האָט ניט שלעכט דורכגעפירט די ראָלע פון דער אַנדערער פויערישער מיידל שאַרלאָטע. די סטאַטוע פונם קאָמאַנדאָר (יצחק האָניגמאַן) איז געווען גענוג גראָטעסק. זי האָט געמאַכט דעם נייטיקן איינדרוק פון קאָמישן שוידער. אַרום און אַרום איז די אויפפירונג פון „דאָן זשואַן" אַ גוטער אָנהייב. די קאָמעדיע איז אינטערעסאַנט, און די צוויי שעה פון לייכטן ליבלעכן הומאָר דערפרישן די נשמה".

## דוד וואַרשאַווסקי שרייבט:

„...„דאָן זשואַן" ווערט אויפגעפירט ניט אַלס אַ פיעסע, וואָס איר זעט פאַר די אויגן, אַ מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין האַנדלונגען, נאָר ווי אַזוי דאָס איז געשפילט געוואָרן אין לודוויג דעם פערצטנס הויף. מען ווייזט אייך ווי „דאָן זשואַן" איז געשפילט געוואָרן אין יענע צייטן. זעט איר אַ בינע אויף דער בינע. אין די לאָזשעס זיצן דער קעניג און זיין משפחה, און די אַקטיאָרן שפילן פאַר אים. איר זעט ווי צוויי „אונטערזאָגער" זיצן פון ביידע זייטן. עס איז נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין סופליאָר־קאַסטן, וואָס דערלאַנגט „פראָזע". די רעזשי האָט אָפגעהיטן די אַלע דעטאַלן פון פאַרצייטיקע אויפפירונגען. די אויפפאַסונג איז בריליאַנט, שיין פאַרן אויג. וויסקאָווסקיס צווייטע רעזשי. אָט דאָס איז רעזשי, אַנדערש ווי מען איז געוווינט אין יידישן טעאַטער. איך קאָן דאָס אָבער ניט זאָגן וועגן שפילן פון באַזונדערע אַקטיאָרן. אַנדערע האָבן ניט מער ווי גערעדט, אַנדערע זיינען געווען ניט שלעכט. גאַנץ אויסגעהאַלטן איז כמעט קיינער ניט געווען.

שוואַרץ האָט מייסטערהאַפט דורכגעפירט די שיינע סצענע מיט דעם סוחר. דאָ איז ער געווען אויסגעצייכנט, דערמאָנט די עכטקייט פון דער כליעסטאַקאָוו־סצענע מיטן גאָראָדניטשיס ווייב און טאָכטער. רובין האָט דווקא פיין געצייכנט דעם סקאַנאַרעל. קנאַפ פעלט אים צו זיין אַ לעבעדיקער מענטש. עס איז אויך געלונגען בערטאַ גערסטען צו מאַכן גלייבן, אַז מיר זעען אַן ענלעכקייט פון אַ דאַמע פון יענער צייט און די נאָנע אירע איז געווען נאָך פולשטענדיקער. ווייזענפריינד האָט נאָר גערעדט, אָנגעשטעלט אַ פאָטער־שטימע. דאָס אַלץ. פאַרוואָס שווייד שפרינגט אַזוי און וואַרפט זיך, ווייס איך ניט. האָבן דעמאָלט די פויערן־יונגען אַזוי געשפרונגען אָדער די אַקטיאָרן אַזוי געשפילט? דאָס „ריידן אָן אַ זייט" איז קיינער ניט שולדיק אין דעם. מאָליער אויך ניט. אַזוי איז דעמאָלט געווען דער שטייגער פון שרייבן. איצט איז אָבער זייער שווער דאָס צו זען און צו הערן. ס'איז אַ פיין צוקערל אָנגעפילט מיט אַלטן וויין. אינטערעסאַנט צוליב ווייטקייט און פרעמדקייט, אָבער ניט פאַרן היינט".

## דער לעבעדיקער שרייבט:

„איך קום ערשט פון דעם „קונסט־טעאַטער" ווו איך האָב געזען דעם פאָטער פון אַלע סאַנינס — דאָן זשואַן. ווי קוקט ער אויס?

„דאָן זשואַן“ איז אַ שפּיל בלויז פאַרן אויג און כמעט גאָרניט פאַרן אויער. מען קאָן קומען אין טעאַטער מיט גוט־פאַרוואַטנטע אויערן (אָדער, צוליב באַקוועמלעכקייט, גאָר אָן אויערן) און מען וועט גאָרניט פאַרלירן. דער עיקר איז דאָס אויג. פאַרן אויג איז דאָ אַ סך וואָס צו זען אין „דאָן זשואַן“, לויט ווי שוואַרץ און ווייסקאָווסקי האָבן עס אַוועקגעשטעלט. דאָס אויג האָט אויף יעדן בליק און קוק באַנייונג און דערפרישונג: אַ רייכע, קעניגלעכע אויסשטאַטונג, אַ דעקאָראַטיוו־באַפּוצטע בינע לויט דעם 17־טן יאָרהונדערט. רייכע קליידער און באַלייכטונג, צערעמאָניעס אַ לאַ לודוויק דער 14־טער און דאָס פרישסטע: מאָריס שוואַרץ מיט לאַנגע לאָקן... און פאַר אונדז דעם מאָדערנעם טעאַטער־גייענדיקן עולם, וועלכער איז שוין זאַט, איבערזאַט פון אונדזער טרוקענעם רעאַליזם, פון קעלער־הייזל און אונטערוועלט, איז עס פּשוט אַ באַפרייונג און באַנייונג צו זען „דאָן זשואַן“. עס איז ווירקלעך גוט צו פילן זיך, אין דער פּראָלעטאַרישער וועלט פון לענין און אָלגין, אין אַ טעאַטער־סביבה פון לודוויק דעם 14־טן.

„דאָן זשואַן“ איז אויסערלעך אַ פיינער ספּעקטאַקל, אַ גרויסאַרטיקע לעבעדיקע קינאָ־בילד. וואָס שייך דאָס אינעווייניקסטע פון „דאָן זשואַן“ אָדער דער אינהאַלט, איז עס אַ קאַפּיטשקע שוין צו אַלט, מיט קאַרגע דריי הונדערט יאָר צו שפּעט אַפילו פאַר דער יידישער בינע, וועלכע האָט אין אַ סך זאַכן פאַרשפּעטיקט. די עטלעכע עלנטע וויצן, וואָס דרייען זיך אַרום „פּוסט און פּאַס“ אין דער קאָמעדיע, זיינען שוין גאַנץ פיין אָפּגעלעבט. „דאָן זשואַן“ איז פּונקט דער היפּך פון „רעוויזאָר“. דער 100 יאָריקער רעוויזאָר לעבט זיין אייגענעם לעבן, אָן גאָגאָלן, אַזוי צו זאָגן, און „דאָן זשואַן“ לעבט נאָר בזכות מאָליער. בכלל איז אין „דאָן זשואַן“ ניטאָ וואָס צו שפּילן. עס איז אַפּיקורסישע בורלעסק־מעלאָדראַמע, אַ פיר־אַקטיקע דרשה וועגן „פרייער ליבע“, געמישט מיט מוסר פון כּלמער מגיד. עס איז אַ גאָט־לעסטערונג פון וועלכער איין בנימין פייגענבוים וואָלט זיך נאָך אפשר אַמוזירט.

און דער סוף פון דער קאָמעדיע, דער מוסר־השכל, אַז גאָט באַשטראָפט דעם זינדיקן, איז אויך שוואַך און אויבערפלאַכלעך, ווייל, ערשטנס, איז עס אין היינטיקער צייט כמעט גאָר קיין זינד ניט. מען לעזט איצט יעדן טאָג אין די צייטונגען ווי סתם מאַנסבילן און ניט קיין „דאָן זשואַנען“, פאַרלאָזן ווייבער און האָבן חתונה צו עטלעכע מאָל און גאָט שטראָפט זיי ניט. מיר קענען אַפילו „סאַנינען“ און ער לעבט און גייט אָן מיט זיין אַרבעט. אָבער דערפאַר געפעלט מיר דער אופן ווי דאָן זשואַן ווערט באַשטראָפט: דאָס איינזינקען אין דער ערד, דאָס איז פאַנטאַסטיש־שיין, און, דער עיקר, טאַקע ווידער אַ נייעס, און נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָנגעקוקט אַזויפיל „מיתות משונות“ [פאַרשיידנאַרטיקע טויטן] אויף אונדזער בינע, איז דאָס אַ טיפער שפּרונג. איך בין באַגייסטערט פאַר דעם איינזינקען־שלוס פון „דאָן זשואַן“, און איך וואָלט עס פאָרגעשלאָגן אַלס „פּיטשור“ פאַר אַ סך סטאַרס (דערין מעגן זיי נאָכטאָן שוואַרצן), ווייל איך בין זיך מודה, אַז ניט איינמאָל, זיצנדיק אין יידישן טעאַטער און זעענדיק דאָס פּאַיאַצעווען און פּורים־שפּילעווען פון אונדזערע „שטערנס“, האָב איך זיך געשעפּטשעט אין פּראָגראַם אַריין: „גאָט, גאָט, כ'אַלט זיך עפענען די ערד און זיי איינשלינגען“.

ווי שפּילט שוואַרץ דעם „דאָן זשואַן“ און רובין דעם „סקאַנדאַל“? לויט מיין „אויג און אויער־טעאָריע“ איז דאָס קיין נפקא





מינה ניט. דער עיקר, שוואַרץ האָט אויסגעזען שיין און יום־טובדיק און אַנדערש. פאַרשטייט זיך, מען האָט געזען דעם אָנשטעל, אָבער אַזאַ אָנשטעל איז ליב.

נ. ב. גאַנץ אָפט זיינען די אַקטיאָרן אַ שטיקל שטערונג צום פּובליקום. אָפט פּאַסן זיך די אַקטיאָרן ניט פאַרן פּובליקום אין טעאַטער. דאָסמאָל האָב איך געפילט, אַז דאָס פּובליקום פּאַסט זיך ניט צו די אַקטיאָרן, איז אַ שטערונג צו דער רייכקייט פון דער קאָמעדיע... אַלזאָ, ווילט זיך מיר פאָרשלאָגן שוואַרצן, אַז ער זאָל אויך פאַרפּוצן דאָס פּובליקום אין די קליידער פון לודוויקס צייטן, און אויף אַזאַ אופן פאַרוואַנדלען דעם טעאַטער אין אַ קעניגלעכן הויף. דאָס וואָלט זיכער געווען אַ נייעס. און אַז די קאָמעדיע זאָל ווערן אַ דערפאָלג, גלייב איך, איז דאָ נאָר איין זיכערער מיטל. זאָל מאָריס שוואַרץ אָנשטעלן נאָך אַ טוץ קליינע אַראַבערלעך און צווישן די אַקטן זאָלן זיי טאַקע מכבד זיין דעם עולם מיטן אמתן געטראַנק, איז ניט פון די קעלערן פון לודוויק דעם 14־טן, איז פון די קעלערן פון אַ בוטלעגער [פאַלשן בראָנפן־מאַכער] דעם 14000־טן“.

### ס. דינגאָל שרייבט:

„די יידישע בינע ליידט פון גרויס דחקות [מאַנגל] אין קאָמעדיעס. דאָס רופט זיך שטאַרק אָפּ אויף אונדזערע שוישפּילער און אויף אונדזער רעפּערטואַר. עס שטערט ביידנס נאָרמאַלע אַנטוויקלונג. אַזעלכע באַגאַבטע שוישפּילער ווי זאַץ, קעסטין, גראַף, און אַנדערע גאָט־געבענטשטע קאָמיקער ווערן פאַרוועלקט אויף אונדזער בינע, ווייל זיי האָבן ניט קיין מעגלעכקייט צו געבן דעם פולסטן אויסדרוק צו זייערע געבוירענע פעיִקייטן, און ניט נאָר אונדזערע שוישפּילער, נאָר אויך אונדזערע פּיעסן ליידן דערפון. דאָס פּובליקום וויל זיך אַמוזירן, עס וויל לאַכן, און די מענעדזשערס זוכן צופרידנצושטעלן דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פאַרלאַנג פון אַ גרויסן טייל פון פּובליקום דורכדעם, וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ צו שטעלן אַ פּיעסע, וועלכע אַנטהאַלט ניט קיין קאָמישע סצענעס, מעג זיך דער קאָמיזם אין דער פּיעסע קלעבן ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט, מעג דער הומאָר רויִנירן די גאַנצקייט און איינהייטלעכקייט פון דער פּיעסע. דאָס יידישע טעאַטער האָט זיך זיינע געזעצן: אַ פּיעסע אָן אַ לאַך קאָן אויף דער בינע ניט אַרויפגיין. דערפאַר איז אַ נאַטירלעכע קאָמעדיע אויף דער יידישער בינע אַזאַ זעלטנהייט און איז כמעט שטענדיק זיכער מיט ערפאָלג. יידישע קאָמעדיעס ווערן אָבער אַזוי זעלטן געשריבן און אויפגעפירט, אַז פאַרן טעאַטער־מענעדזשער, וועלכער וויל שטעלן אַ גוטע קאָמעדיע, איז ווירקלעך אַ פּראָבלעם פון וואַנען זי צו נעמען. אירווינג פלייס איז געלונגען צו באַקומען ליבינס אַ קאָמעדיע, וועלכע ווערט געשפּילט שוין היבשע עטלעכע וואָכן מיט גרויס ערפאָלג. שוואַרץ האָט זיך געמוזט ווענדן צו פרעמדע. ער האָט גענומען גאָגאָלס קלאַסישע קאָמעדיע „רעוויזאָר“ און האָט זי איבערגעפלאַנצט אויף דער יידישער בינע אויף אַ העכסט־געלונגענעם אופן. די פלאַנצונג האָט זיך אָנגענומען. עס האָט געבראַכט קינסטלערישע און מאַטעריעלע פרוכטן.

אָבער נעמען פון דער פרעמד פאַר דער יידישער בינע איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך. ניט אַלע פלאַנצונגען נעמען זיך אָן אויף אַ פרעמדער ערד. „רעוויזאָר“ האָט זיך אָנגענומען. „דאָן זשואַן“ — ניט. גאָגאָל איז, ערשטנס, מיט צוויי הונדערט יאָר נענטער צו אונדז ווי מאָליער. צווייטנס, זיינען גאָגאָלס טיפן אַזעלכע,

וועלכע מיר באַגעגענען יעדן טאָג אין אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם. אַלץ איינס אויב דאָס איז דער רוסישער גאָראָדניטשי אָדער דער אַמעריקאַנער פּאָליסמאַן. מיר האָבן ליב צו מאַכן חוזק פון אונדזערע מאַכט־האָבער אַלס נקמה דערפאַר, וואָס מיר מוזן פאָלגן זייערע באַפעלן. דאָס איז אונדזער שטילער פראָטעסט קעגן אָרגאַניזירטער מאַכט; „דאָן זשואַן“ איז אָן צווייפל רייך אין הומאָר. דער הומאָר איז אָבער אַ טיפּישער 17־טער יאָרהונדערט־הומאָר. צו אונדז דערגרייכט ער בלויז ווי אַן עכאָ. מיר זעען אין דער קאָמעדיע ניט דעם הומאָר, נאָר דעם מוסר השכל [קאָנסעקווענץ]. עס איז אַ פאַקט, אַז דורך דער צייט פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג פון „דאָן זשואַן“ האָבן מיר מער באַמערקט דעם דינער סקאַנאַרעל (רובין) ווי דאָן זשואַנען (שוואַרץ). געוויס איז אין דעם שולדיג רובינס גוטער שפּילן, אָבער אַ סך האָט אויך אין דעם צו זאָגן די מענטשלעכקייט, וואָס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער ראָלע. מיר האָבן אים אַלע פאַרשטאַנען און מיט אים סימפּאַטיזירט, וואָס ער, דער דינער, מיט אַ געפיל פאַר גערעכטיקייט און אָנשטענדיקייט, מוז זיין אונטערטעניק צו דעם רייכן שאַרלאַטאַן און זיין אַ געצוווּנגענער שותּף צו אַלע זיינע אַוואַנטורעס. דאָן זשואַן האָט צו אונדז ניט אַפּעלירט. ער איז אַ טיפּישער פאָרשטייער פון יענער עפּאָכע. ער איז אומגעהייער איבערטריבן פאַר אונדזער צייט און שוואַרץ האָט די דאָזיקע איבערטריבנקייט נאָך בולטער געמאַכט. אין אַ סך שטעלן האָבן מיר געזען כלעסטיאַקאָוו שפּילנדיק די ראָלע פון דאָן זשואַן. שוואַרץ האָט זיך געסטאַרעט צו געבן זיין העלד לעבן און באַוועגונג. אַרויסגעקומען איז עפּעס אומנאַטירלעך און קינסטלעך אָנשטאָט קינסטלעריש. אויך מאַרק שווייד, בערטאַ גערסטען און לוסי גערמאַן האָבן געקלונגען ווייט און פרעמד און ניט נאַטירלעך.

מיר גלייבן ניט, אַז „דאָן זשואַן“ קאָן זיין אַ פּאָפּולערע קאָמעדיע פאַר דער יידישער בינע, און דאָך פילן מיר ווי צו קאָמפּלימענטירן שוואַרצן פאַר זיין ברענגען מאָליערן, דעם שעקספּיר פון פראַנקרייך, פאַרן יידישן טעאַטער־עולם. עס איז די פליכט פון אַ טעאַטער, וואָס פּרעטענדירט אויף קונסט, צו געבן פון צייט צו צייט אויך ניט קיין פּאָפּולערע זאַכן. דאָס האָט אַ וויכטיקע ערציערישע באַטייטונג פאַרן יידישן טעאַטער. עס קומט אונדז ווידער אַמאָל אויס צו דערמאָנען ה׳ וויסקאָווסקיס שיינע רעזשי. „דאָן זשואַן“ איז אויפגעפירט געוואָרן מיט פיל ליבע און געשמאַק. ה׳ וויסקאָווסקי איז אַ גרויס געווינס פאַר אונדזער בינע. דאָס טעאַטער נייטיקט זיך אין אים און עס ווילט זיך האָפן, אַז ער וועט מיט אונדז בלייבן“.

## „דאָס גרויסע געווינס“

**דעם 8 דעצעמבער 1922 ווערט א׳ר פון מאָריס שוואַרץ אויפגעפירט די קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס“ פון שלום־עליכם.**

**אַב. קאַהאַן שרייבט:**

„שוואַרץ שפּילט איצט אַ פיר־אַקטיקע קאָמעדיע פון שלום־עליכם. י. ד. בערקאָוויטש האָט די קאָמעדיע באַאַרבעט פון צוויי ווערק שלום־עליכמס: פון „דאָס גרויסע געווינס“ און „פינף און זיבציק טויזנט“. עס איז אַ העכסט לוסטיקע מאַכערייקע. אין איר איצטיקער פאָרמע איז די פּיעסע צעצויגן, אָבער שפּאַס האָט זי



אין זיך אַ ים. מען לאַכט אָן אַן אויפהער. אַלע ווײַלע קראַכט פּשוט דער טעאַטער פון לוסטיקייט. עס זיינען דאָ מאַסן געראָטענע וויצן און עס זיינען דאָ מאַסן שטיפערישע סיטואַציעס. אויך זיינען פאַראַן שטעלן, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך עטוואָס העכערערס ווי שטיפעריי. שטריכן און לאַגעס אין וועלכע עס ליגט דער הומאָר פון לעבן געמישט מיט דעם זיפץ פון לעבן. אין סך־הכל איז דאָס אַ פּיעסע, וועלכע פאַרשאַפט דעם צוזעער אַן אויסגעצייכנטן צייט־פאַרטרייב.

דער ערשטער אַקט איז דער געראָטנסטער. דער צווייטער איז אין סך־הכל דער שוואַכסטער, אָבער אַפילו דער צווייטער האָט זיך אין זיך אויך אַ סצענע פון וועלכער דער טעאַטער הערט ניט אויף צו עקספּלאָדירן פון געלעכטער. ווען מען וואָלט די פּיעסע אַ ביסל פאַרקירצט, אַרויסגעקוועטשט פון די איר די וואַסער, ווי מען דריקט זיך אויס אויף וואָל סטריט, וואָלט דאָס אפשר געווען די ערפאָלגרייכסטע קאָמעדיע, וואָס מיר האָבן געהאַט אויף דער יידישער בינע.

דער אינהאַלט איז אייגנטלעך גוט באַקענט פאַר די, וואָס זיינען באַקענט מיט שלום־עליכמס ווערק. אין אים איז אָבער צוגעגעבן געוואָרן אַ שטריך דאָ און אַ שטריך דאָרטן, וועלכע פאַרגרעסערן דעם אינטערעס. שלום־עליכמס הומאָר דאַרפן מיר ניט רעקאָמענדירן, אָבער י. ד. בערקאָוויטש איז אויך אַ טאַלענטפולער מענטש און אויך ניט אָן הומאָר־געפיל. אַלזאָ, איז דער רעזולטאַט אַן אָוונט אָנגעשטאָפּט און אָנגעפּיקעוועט מיט פריילעכקייט.

...דיזע געשיכטעלע מיט די צוויי שניידער־יינגלעך, וואָס ליבן זיך אין דעם בעל הביתס טאָכטער, איז אויסגעאַרבעט געוואָרן זייער אינטערעסאַנט, עס איז דאָ אין דעם אַ סך קאָמישעס, אָבער אַ סך רירנדעס אויך. אין אַלגעמיין איז דאָ אַ פיר־אַקטיקער בורלעסק, און אויף אַ בורלעסק פרעגט מען קיין קשיות ניט. עס איז דאָ אַ סך אומזין, אָבער מייסטנס איז דאָס אַן אומזין פון וועלכן איר לאַכט ניט אָפּ, נאָר איר לאַכט. זייער אָפט דוכט זיך אייך, אַז די פאַרפאַסערס מיט אייך אינײַנעם ברענגען צוזאַמען אַ וואַנט מיט אַ וואַנט אום איר זאָלט אויף אַ פּאָר שעה פאַרגעסן די צרות פון דער וועלט. זייער אָפט אָבער איז דער שפּאַס אַ כאַראַקטער־שטריך פון דעם עכטן יידישן לעבן. די בעסטע שטריכן זיינען צו דער זעלבער צייט אויך די געראָטנסטע וויצן.

ווי אַזוי ווערט די פּיעסע געשפּילט? אין סך־הכל געוואונען אויסגעצייכנט. מאָריס שוואַרץ האָט נאַטירלעך די הויפּט ראָלע, דעם שניידער. ער איז גוט גרימירט און ער האַלט זיך גאַנץ שניידערמעסיק ביים אָנמעסטן אַ ראָק אויף אַ קאָסטאָמער [קליענט] אַזן אויך מיט זיין ריידן. אין אייניקע וויכטיקע שטעלן האָט ער זאָגאַר געמאַכט אַ קינסטלערישן „היט“ [דערפאָלג], ווי צום ביישפּיל אין דעם מאָמענט ווען מען זאָגט אים אָן, אַז זיין גאַנצע מלוכה איז אַ טעות. נאָר דאָרטן ווו ער צעקאָכט זיך און צערעדט זיך אַלס שניידער, ווו עס קומט ביי אים אויס אַ שלאַקסרעגן פון ווערטער און העויות, הילכט אָפּ מיט אַ געוויסע איינטאָניקייט, וועלכע מאַכט אויף אייך אַן איינדרוק, אַז דיזן ספּעציעלן סאָרט שוואַרץ האָט איר אין אַלע פּיעסן — אין אַלע דעם זעלבן. קוקנדיק אויף אים ווי ער האָט געשפּילט אין דיזער ראָלע און דערמאָנענדיק זיך ווי גוט ער האָט געשפּילט די ראָלע פון כלעסטיאַקאָוו אין דער רוסישער קאָמעדיע „רעוויזאָר“, האָב איך זיך ניט־ווילנדיק געטראַכט: יאָ, ער האָט גרויסע פאָרטשריטע

געמאַכט דיזער ענערגישער, דיזער אַמביציעזער, פאַרהעלטניסמעסיק יונגער שוישפילער אונדזערער. נאַטירלעך ווען ער וואָלט ניט געהאַט קיין טשאַנסן [געלעגנהייטן], וואָלט ער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך אַזוי שנעל צו אַנטוויקלען. פליינער [פשוטער] גערעדט, ווען ער וואָלט אַליין ניט געווען דער באַס און וואָלט זיך ניט געקאָנט נעמען די בעסטע ראָלן, וואָלט דער פאָרטשריט ביי אים אפשר ניט געגאַנגען אַזוי האַסטיק.

וויזענפריינד האָט ניט קיין גרויסע ראָלע, אָבער ווי געווינלעך מיט דיזן מערקווירדיקן יונגן אַקטיאָר, האָט ער אויף איר אַרויפגעלייגט אַ זאָנדערבאַרן זיגל, וועלכער האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט דורך דער גאַנצער פיעסע, פיל מער אויפמערקזאַמקייט ווי פיל וויכטיקערע ראָלן. דאָס איז זיין פערזענלעכקייט, די ספּעציעלע וויזענפריינד־פערזענלעכקייט, וועלכע איז מיט רעכט אַזוי באַליבט. אַ באַזונדערער חן ליגט אויף אַלעס צו וואָס ער רירט זיך צו. ער האָט געשפּילט דעם אמת אומגליקלעכן פון די צוויי פאַרליבטע. ער רעדט זייער ווייניק. ער רעדט אָן ווערטער, אָבער מיט טראַגעדיע, מיט חן, מיט ליבלעכקייט. ער איז אימער גוט אין אַזעלכע ראָלן, און דאָס איז איינע פון זיינע אינטערעסאַנטסטע.

דעם גליקלעכן פאַרליבטן האָט געשפּילט מישאַ גערמאַן. ער איז געווען צופרידנשטעלנד. מאַרק שווייד האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטע קאַריקאַטור־ראָלע, אַ שדכן אין אַ קורצן רעקל, וועלכער זאָגט אַלע ווײַלע אַ רוסישן ווערטל, וועלכן ער רעדט אַרויס אויף דעם יידישן שטייגער. ער איז געווען גרימירט זייער פּיקאַנט און די גאַנצע ראָלע איז ביי אים אַרויסגעקומען פּיקאַנט. יחיאל גאָלדשמידט איז דיזן מאָל ניט געווען געראָטן. דעם גאַנצן אָוונט האָט ער „אָפּגעדאַוונט" אויף איין קאַריקאַטור־ניגון, וועלכער איז אייך נמאס געוואָרן גלייך פון אָנהייב. זיין גאַנצער גרים איז געווען אַ משונהדיקער, אָבער אָן אַ טעם און אָן אָנגענעמע עפעקטן. קאָמיש האָט מען דאָס ניט געקאָנט רופן. בערטאַ גערסטען אַלס די העלדין, דעם שניידערס טאָכטער, איז אין אַלגעמיין געווען גאַנץ צופרידנשטעלנד, נאָר איין פעלער האָט זיך צו שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. ווען דער טאַטע איז אָרעם, ווייזט זי אויס אַן אָרעמע שניידער־מיידל ניט קיין אינטעליגענטקע, צי זי קען לעזן אַ ביכל צי ניט. גלייך ווי דער טאַטע באַקומט די גרויסע געווינס, ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַן אינטעליגענטע מיידל אויפן אויסזען, אַנגאַ אַפּעל ברויכט צו אָפּט דעם זעלבן טאָן, אָבער אין פילע מאָמענטן איז זי דאָך געווען אויסגעצייכנט. בינע אַבראַמאָוויטש האָט אַ קלענערע ראָלע און ווייניקער טשאַנסן צו שפּילן. אין איין סצענע אָבער האָט זי אַרויסגערופן כשר־פאַרדינטע געלעכטער און אַפּלאָדיסמענטן. רובין האָט אַ גאַנץ קליינע ראָלע (אַלס דער לאָקיי) און ער האָט ווייניק צו טאָן.

### נ. גאָרין שרייבט:

„דער „גרויסער געווינס" איז אַ פאָלקס־קאָמעדיע מיטן גרעבערן הומאָר פון דעם פאָלק, און הגם דאָ פעלן די קאָמישע סיטואַציעס מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס דער דאָזיקער סאָרט קאָמעדיע, פעלט דאָ אָבער ניט קיין געלעכטער און דער עולם האָט פאַרגעניגן פון די טרעפנדע, כאַראַקטעריסטישע ווערטלעך און באַמערקונגען, וועלכע פינקלען אַרויס דאָ און דאָרטן און וועלכע טראָגן אויף זיך דעם אמתן שלום־עליכמשן שטעמפּל. אין דער קאָמעדיע באַמערקט זיך אַ שטרעבונג נאָכצוקומען דער פאָדערונג פון איינהייט פון צייט. אַ חוץ דעם ערשטן אַקט קומען אַלע דריי אַקטן פאָר אין משך פון אַ האַלבן טאָג, און דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס מען זעט זייער זעלטן אין אונדזערע אָריגינעלע פּיעסן. און דאָס ווייזט אויך, אַז שלום־עליכם האָט די האַנדלונג און כאַראַקטערס אויפגעפּאַסט פאַר דער בינע. עס איז דעריבער אַן אַנטוישונג פאַרוואָס די האַנדלונג און די פערזאָנען זיינען אַרויסגעקומען גאָרניט שלום־עליכמדיק. די זיסלעכע האַנדלונג לאָזט איבער אַ לאַקריצדיקן טעם און די פערזאָנען זיינען אַרויסגעקומען מטושטש [ניט קלאָר], אַזוי, אַז זיי שיינען אונדז צו זיין פרעמד.

...דאָס סאַמע וויכטיקסטע אין דער קאָמעדיע איז ווי אַזוי דער ערשט־אויפגעקומענער עושר פילט זיך מיטן גרויסן געווינס און ווי ער פירט זיך אויף, ווי ער באַגייט זיך מיט זיין הויזגעזינט און ווי ער האַנדלט מיט זיינע נעכטיקע און היינטיקע באַקאַנטע. אין דער דאָזיקער אויפפאַסונג, אין דעם דאָזיקן באַגיין זיך, אין דער דאָזיקער האַלטונג, ליגט דער גאַנצער הומאָר. און דאָס איז ניט אַרויסגעקומען אַזוי גוט ווי מען האָט געדאַרפט ערוואַרטן פון שלום־עליכמן. אַלץ, וואָס מיר זעען דאָ איז, אַז ער וויל חתונה מאַכן זיין איינציקע טאָכטער ביילקע פאַר דעם אַלטן בחור, דעם נגיד סאָלאָמאָן פיין, ניט מחמת ער יאָגט זיך נאָך נגידות אָדער ער וויל זיך איינקויפן אין יחוס. דאָס וואָלט דוקא געווען פאַרשטענדלעך, נאָר דער גורל פאַלט אויף דעם אַלטן בחור צוליב דעם, וואָס יענער האַנדלט מיט הייזער און וויל אים האָבן פאַר אַ שותף, און שימעלע קוואַפּעט זיך אויף דעם וואָס ער וועט קאָנען לאָזן אָרימע לייט וווינען אין זיינע דירות אָן געלט. אויב זיי וועלן ניט האָבן מיט וואָס צו צאָלן. אָפּגערעדט פון אַלץ איז דאָס אַ צו ווייט לויפנדע אורזאַך, אַז ער זאָל צוליב דעם צווינגען זיין טאָכטער חתונה צו האָבן מיט אַ מענטשן אויף וועמען זי קאָן ניט קוקן. און אָט די דאָזיקע קליינינקייט מאַכט אַ גאַנצן חורבן אין די כאַראַקטערס. שימעלע קומט אַרויס עפּעס אַ מין האַלבע אשה [פרוי] ווי אין „די קאָנקורענטן" און גלייכצייטיק אויך אַ האַלב־צעקראָכענער פילאַנטראָפּ, נאָר עס איז בשום אופן ניט דער שניידער, וואָס מיר ווילן און קאָנען זיך פאָרשטעלן. מיר שיינט, אַז דער [דאָס] שטיק האָט געליטן פון די ענדערונגען, וואָס זיינען אין איר איצט געמאַכט געוואָרן. אָבער, ווי שוין געזאָגט, פאַרמאָגט די [דאָס] שטיק דעם געזונטן הומאָר פון פאָלקס־מענטשן און דאָס האַלט דעם צושויער אין אַ פריילעכן מוט די גאַנצע צייט.

מאָריס שוואַרץ שפּילט די ראָל פון דעם שניידער שימעלע און מיר פאַרשטייען ניט פאַרוואָס עס האָט זיך אים דוקא געוואָלט אויפפאַסן אַזוי, אַז ער האָט געשפּילט דעם פאַרווייבלעכטן מאַן ווי אין „די קאָנקורענטן". שימעלע דאַרף בשום אופן ניט זיין אַזאַ און צו זיין ראָל פּאַסט זיך דאָס אים גאָרניט. ער האָט גרינג געקאָנט אויפגעפּאַסט ווערן אין קאָמישן ליכט און בלייבן דער טיפּישער שניידער. ווי די ראָל ווערט געשפּילט, קאָן מען בשום אופן ניט קלאָר מאַכן זיך שימעלעס כאַראַקטער. שוואַרץ האָט בריליאַנטענע מאָמענטן, נאָר עס פעלט די גאַנצקייט. מוני וויזענפריינד שפּילט דעם שניידער־יונג קאָפּל, און דער עולם קוועלט פון אים, אָבער די מיטלען, וואָס ער ברויכט אַרויסצורופן געלעכטער, זיינען ניט קיין כשרע. זיין הילוך און זיין מעלה גרהן אין ערשטן אַקט איז ניט פון קיין היימישן שניידער־יונג, נאָר איין זאַך דאַרף מען אים צוגעבן; זיין ראָל באַשטייט אפשר פון צען שורות, נאָר ער האָט באַוויזן צו ציען אויף זיך מער אויפמערק־

מרס. אַבראַמאָוויטש האָט געשפּילט די ראָל פֿון אַ מיטשניטשקע כתרילעווער גביר.

אַ היבשע ראָל האָט בערטאַ גערסטען, און זי האָט איר ראָל שאַפֿן געוואָרן אַרום די שפּילער, אַן אַטמאָספּערע, וואָס האָט ווי אונטערגעזאָגט די אַקטיאָרן: „נישקשה, נישקשה, איר מעגט אַ ביסעלע איבערטרייבן“, און זי האָט איר ראָל גוט דורכגעפֿירט. אויך ערנסט האָט זיך געהאַלטן מייזל אין דער ראָל פֿון אַ חשובֿ זאַמקייט ווי מיט די גרעסטע ראָלן. און דאָס איז דערפֿאַר, וואָס ער ווייסט דעם סוד, אַז צי ער האָט צוריידן צי ניט, דאַרף ער ניט אויפֿהערן צו שפּילן, און שפּילן קאָן מען אויך אָן ווערטער. גאָר אויפֿגעפּאַסט ערנסט פֿון אָנהייב ביזן סוף און האָט זיך ניט געלאָזט הינרייסן פֿון דער קאָמישער אַטמאָספֿערע, וואָס איז גע־און ווי תמיד איז זי געווען גוט. מרס. אַפּעל האָט געשפּילט די שניידערקע מיט איר געוויינלעכער נאַטירלעכקייט. בכלל האָבן זיך די דערמאָנטע פֿרויען געהאַלטן בעסער ווי די מענער. די לעצטע, ווי גאָלדשמידט, שווייד, רובין און אַפֿילו גערמאַן האָבן געזוכט צוצוגעבן שפּאַס, און זיכער איז, אַז איר [דער פּיעסעס] טאָן פֿאַלט דערפֿון. עס קאָן זיין, אַז די קאָמפּאַני האָט ניט געהאַט גענוג פּראָבעס. מעגלעך, אַז אויב די אַקטיאָרן וועלן צייט האָבן איינצושפּילן זיך, וועט מען אין זיי מער אָנזען די שפּילער פֿון קונסט־טעאַטער“.

## דוד וואַרשאַווסקי שרייבט:

„...ניט יעדער האָט געקאָנט פֿאַרשטיין „רעוויזאָר“. „דאָס גרויסע געווינס“ איז אָבער אַזוי לייכט און אַזוי גרינג און דערצו פֿון יידישן לעבן, פֿון שלום־עליכם, אַז דאָס „פֿאָלק“ וועט זיכער אָנקוועלן דאָס צו זען. עס איז אַ לייכטע, גרינגע, שפּילעוודיקע קאָמעדיע. אַזוי פּשוט און איינפֿאַך פֿאַרן אויג און פֿאַרן אויער, ווערט געשפּילט לייכט און גרינג. דאָס געלעכטער רייסט ניט מיט א שטיק האַרץ ווי עס טרעפֿט ביי אַ געלעכטער מיט „יאַשטשער־קעס“. מען פֿאַרברענגט גוט און גרינג עטלעכע שעה. מען לאַכט און מען האָט הנאה. די בינע איז אַ היימישע, די אַקטיאָרן זיינען „אין דער היים“, און מיר צוזעער און צושויער פֿאַרברענגען אויך אַזוי היימיש. איר דאַרפֿט זיך ניט אָנשטרענגען. עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל אייך פֿאַרשאַפֿן צער. ווען איר ווערט געוווירר, אַז שימעלע סאָראָקער איז צוריק אָרעם, „עמך“ ווידער אַ קבצן, פֿאַרדריסט אייך אויך ניט און שימעלע נעמט עס אויך פֿאַר ליב.

...די אַקטיאָרן האָבן דאָס שפּילן איינגעטיילט אין עטלעכע מדרגות. אַ טייל שפּילט אויסגעצייכנט, אַ טייל גוט, אַנדערע — ניט שלעכט, שלעכט און איינער שפּילט שוידערלעך שלעכט. מאָריס שוואַרץ שפּילט דעם ריכטיקן „עמך — שער און אייזן“. שימעלע סאָראָקער דער שניידער בן שניידער זינגט אין אים אַפֿילו ווען ער זינגט ניט די „שטיקלעך“. אָט דאָס איז שימעלע שניידער מיט אַלע פּינטעלעך. שימעלע מיט „שער און אייזן“ און דער זעלבער האַרציקער שימעלע מיט די קאַטשקעס און דאָס גרויסע געווינס. אַן אויסגעצייכנטער בערדיטשעווער שימעלע סאָראָקער. מוני ווייזענפריינד זינגט אויס שטיל, אָן ווערטער, אַ קאָפּל, וואָס האָט נעבעך קיין מזל ניט ביים ציען „קניפּלעך“ פֿאַר ביילקען, אַז עס איז שטאַרקער ווי טויזנט מאָל רייד. קאָפּל לעבט יעדע סעקונדע, וואָס איר זעט אים, ביי דער מאַשין, אין אַ ווינקל אָדער ביים טיש. ווייזענפריינד רעדט ניט. ער קוקט אַפֿילו ניט צו אייך.



רעדט ווייניק און יעדער בליק זיינער, יעדער ריר, רעדט אַרויס ער שטייט אין ווינקל און ער רייסט צו זיך אייער בליק. דאָס איז גוט איז מאַדאַם אַפּעלס עטי־מעני. מישע גערמאַן אַלס מאָטל איז דעם גביר און יחסן, און דווקא געמאָסטן, ניט איבערגעזאַלצן. בכלל, נאָר ניט אין דער לעצטער סצענע מיט מאָטלען און מאַדאַם אַבראַמאָוויטש שפּילט גוט די פּערל מעל־הענדלערקע. אָלרייט. רובין האָט דאָך גאָרניט וואָס צו שפּילן, וואָס האָט דאָרט אַן אַלטער בחור, וואָס האָט נאָך „גערן“ ביילקען ווען איר פֿאָטער דער לאָקיי צו טאָן? שלעכט איז האָניגמאַן אַלס אַלטער בחור. אַ קאָפּל — אַ בריליאַנט.

איר ווילט זען דעם כתרילעווקער שדכן? גיט אַ קוק אויף שווידן. דאָס בערדל, די אויגן, דאָס אָנגעטועכץ, דער גאַנג, דע־דריי — סאָלאָוועיטשיק דער שדכן. מאַרק שווייד האָט אויסגע־צייכנט געצייכנט דעם שדכן. בערטאַ גערסטען איז אַ גוטע ביילקע קאָפּלען. מייזעל טרעט דאָסמאָל קיין האָר ניט איבער. ער שפּילט דעם גביר און יחסן רב אשר פֿיין מע־ ווי פֿיין. זייער גוט. ער איז געווען אַ קבצן. איצט האָפֿט ער זי צו קריגן פֿאַר אַ ווייב. ווי קאָן אָבער איינער אַפֿילו אַן אַלטער בחור און אַפֿילו אַ לענדלאָרד [הויז־באַזיצער] בלייבן אַזוי אומבאַוועגלעך, אַזוי שטייף ווי אַ קלאָץ? ער גייט גלייך, רעדט גלייך, אַלץ גלייך און האַרט און שטייף. איז דאָך נאָר זיין רעכטע האַנט פֿאַראַליזירט. דער גאַנצער קערפּער זיינער איז דאָך ניט שטייף און פֿאַרגליווערט, פֿאַרוואָס זעט מען ניט קיין בייג ביי אים? און איז דען זיין קול איינגעפֿרוירן, אַז עס באַוועגט זיך ניט, נאָר עס רעדט אַרויס די שטיקער געשניטענע פּראָזע? אַזאַ אַלטער בחור איז ניט געווען און קאָן ניט זיין, ניט אין כתרילעווקע און ניט אין האַשקאַש. און ווו האָט גאָלדסמידט געפֿונען דעם קאָלטון? ווו האָט ער אַזאַ שוידערלעכן נפֿש אויפֿגעזוכט? אַזאַ קליינשטעטלדיקער פּוילישער שכור איז ניט קיין ייד אין כתרילעווקע, אַפֿילו ווען ער איז אַן אַגענט, אַ רייסער פֿון דירה־געלט. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ מין ייד. לענדער און מדינות אויסגעפֿאָרן און אין ערגעץ אַזאַ משונהדיק ייִדיש באַשעפֿעניש ניט געטראָפֿן. אַפֿילו די היגע „ליסערס“ האָבן ניט אַזעלכע פּנימער. גאָלדסמידט האָט דאָ אַ האָר איבערגעמאַכט דעם פּוילישן פּריץ זיינעם פֿון „מאָטקע גנבֿ“. דאָס זעלבע אומאָנגענעמע, אָפּשטויסנדע געלעכטערל, די זעלבע מינעס און העוויות, נאָר מיט אַ קרום מויל. אַ כתרילעווקער הייזער־אַגענט איז אַ ייד ווי אַלע יידן, האָט ניט קיין אַנדערע צורה ווי אַ שימעלע און אַנדערע יידן. ער דאַרף ניט אַזוי פֿאַר־דאָרבן זיין. ער איז אַ ייד, וואָס האָט אַפֿילו אַמאָל געמשכילט זיך, איז אָבער ניט דערפֿאָרן אין ערגעץ און געקראָגן אַ שטעלע אַלס אַגענט און דינט „געטריי“ זיין באַלעבאָס און האַלט דעם דזשאַב. אַן איינגעגעסענער, אַ צוטשעפּעניש, אָבער אַ ייד ווי אַלע אַנדערע. ווו האָט גאָלדסמידט געפֿונען דעם שוידערלעכן קאָלטון? ווו האָט אַ ייד אַזאַ מאָדנע אומערטרעגלעך לאַכן? כ׳לעבן, כ׳האָב זיך צעפֿרעגט ביי נאָך יידן אפֿשר האָבן זיי אַזעלכן געזען. ניין, קיינער ניט! גאָלדסמידט טאָר אַזוי ניט שפּילן קאָלטונען. איז זאָל ער כאָטש, אויב ער וויל מיך ניט הערן, ביי זיין נעקס־טער ראָלע וואָס ער וועט קריגן, ניט לאַכן דאָס זעלבע געלעכטער. עני גאָלדבערג דאַרף אויך וויסן, אַז גאָלדע פֿיין פֿאַרייסט ניט אַזוי די נאָז. זאָל זי לערנען פֿון מייזלען ווי אַזוי ער ווייזט אונדז דעם גביר.

אין סך־הכל ווערט „דאָס גרויסע געווינס“ אָבער פון אַלעמען, אַ חוץ די דריי, אַזוי גוט געשפּילט, אַז זיי קאָנען ניט שאַדן דעם ערפאָלג פון דער קאָמעדיע“.

## אַלגין שרייבט:

„זיצן מיר אין טעאַטער מיט אַ רויִק געמיט. מיר זיינען ניט נייגיריק. מיר ווייסן לכתחילה [אין פאָרויס] מיט וואָס ס׳וועט זיך ענדיקן די מעשה. מיר זיינען ניט אויפגעבראַכט: ניטאָ אויף וועמען. מיר פילן ניט קיין רחמנות, קיין ווייטיק, קיין צער, קיין האַס. עס טוט אונדז אַפילו קיינמאָל קיין צופּ ניט ביים האַרצן. די אַלע שטאַרקע געפילן וואָלטן ניט געפּאַסט צו אַזאַ שטיק, דער מחבר האָט גאָרניט געוואָלט אויפטרייסלען אונדזערע נערוון. זיצן מיר גאַנץ געמיטלעך מיט אַן אָפן אויג און אַ וואַרעמקייט אויף דער נשמה, און טאַקע ווייל קיין זאַך רעגט אונדז ניט אויף, און טאַקע ווייל מיר דאַרפן ניט טראַכטן אויך, ווייל ס׳איז, גאָט צו דאַנקן, ניטאָ קיין „פּראָבלעמען“, האָבן מיר ערשט אַ מעגלעכ־קייט הנאה צו האָבן פון דעם שפּיל, פון די איינציקע סצענעס, פון די איינציקע העלדן, פון זייערע ווערטער, זייערע זשעסטן, זייערע העויות. האָבן מיר ערשט אַ מעגלעכקייט הנאה צו האָבן פונם פינטעלע מענטש, ווען ס׳טוט אַ לייכט אַרויס פון אַ וואָרט אָדער אַן עובדה. און טאַקע דאָס טייערסטע געווינס אינם „גרויסן געווינס“ — דער ריינער און פרייער עסטעטישער פאַרגניגן. דאָס שפּיל איז גאַנצע פיר אַקטן פון חנודיקער, רויִקער, באַטעמטע מענטשלעכע פרייד. אייער אויג איז מסוגל [פעיִק] אויפצונעמען די ליבע פרטים, ווייל דאָס אַלגעמיינע איז אייך אַזוי אַלט־באַקאַנט און נאָנט. אייער אויער קאָן אויפכאַפּן די מינדסטע אינטאָנאַציע, די שאַטירונג פון אַן אויסדרוק, ווייל די טיפן אַליין און זייער גע־דאַנקן־גאַנג זיינען אייך היימיש, איינגעבאַקן אין האַרצן. אין זאַל באַשאַפט זיך אַ היימישע אַטמאָספערע. אַקטיאָרן און זעער פילן זיך איינס, אָטעמען מיט דעם זעלבן גייסט, שאַפן דאָס זעלבע שטיק. ווען מען גייט אַהיים, דאַכט זיך, אַז מ׳זאָל אָקאָרשט געווען אין דעם אַלט־מאָדישן הויז פון אַן אַלטן גוטן קרוב.

דער אינהאַלט פון דעם „גרויסן געווינס“ איז מסתמא באַקאַנט יעדן יידן טאַקע פון שלום־עליכמס „פינף און זיבציק טויזנט“. ...און פונדעסטוועגן זיצט איר און קוועלט. איך האָב קיין אַנדער וואָרט ניט פאַר דעם געפּיל פונם זעער: מען קוועלט, שימעלע זאָגט אַ פּזמון — מען קוועלט. עטי־מעני („פעטי מעטי“ אויף שימעלעס לשון) בראָקט אַריין אַ קללה — מען קוועלט. קאָפּל דער שניידער־יונג קנייטשט מיט די פלייצעס — מען קוועלט ווידער. דער „אופראַוולאַושטשי“ (פאַרוואַלטער) מאָנט דירה־געלט און טטראַשעט „אַרויסוואַרפן אויף דריי שפּענדלעך“ — מען קוועלט אַלץ. די שמחה ווערט נאָך גרעסער ווען שימעלע ווערט אַ גביר און שטעלט זיך דווקא איין פאַר די „עמך“, די קבצנים, עניים, אביונים, און פאַרגעסט ניט אויף איין מינוט, אַז ער איז אַליין אָקאָרשט געווען אויף צרות, און אַז גאָט העלפט און ביילקע אַנטלויפט פון דער היים, ווייל זי וויל ניט חתונה האָבן מיטן אַלטן רייכן בחור, איז די שמחה אודאי פאַרפולט. ווען די גאַנצע משפחה קערט זיך נאָכדעם צוריק אַהיים פון דער רייכער דירה און עס ווערט געשלאָסן דער שידוך צווישן ביילקען און מאָטל דעם שניידער־יונג, דערגרייכט דאָס קוועלעניש גאָר אין די הויכע מדרגות. אַפילו ווען איר דערמאָנט זיך שפּעטער אין דער פּיעסע, קוועלט איר ווי אַ באָקסער.





וואָס איז די מעשה? עס איז דיזעלביקע זאַך וואָס מיט אַלע שלום־עליכמס ווערק. עס איז די מענטשלעכקייט, וואָס לייכט גוטמוטיק אַרויס פון יעדער שורה און פון יעדער סצענע. מיר פאַרשטייען, אַז די פּיעסע איז ניט געווען אינגאַנצן אָנגעשריבן פון שלום־עליכמן. באַאַרבעט האָט זי שלום־עליכמס איידעם בער־קאָוויטש, אָבער, ערשטנס, איז בערקאָוויטש אַליין אַ מענטש מיט טאַלענט און מיט אַ געפיל פאַרן מענטשלעכן אין אונדז. דאָס האָט ער באַוויזן אין זיינע דערציילונגען און אין זיין קאָמעדיע „לאַנדס־לייט“. צווייטנס, איז ער איינער פון די גרעסטע קענער פון שלום־עליכמס שאַפן און ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַריינגעפּאַסט אין שלום־עליכמס גייסט. „דאָס גרויסע געווינס“ איז אָנגעזאַפּט מיט דעם זעלביקן גייסט ווי טוביה דעם מילכיקנס מעשות, ווי „די דריי אלמנות“, ווי „די יידישע קינדער“, ווי „מאָטל פּייסי דעם חזנס“, ווי הונדערטער אַנדערע שלום־עליכמס זאַכן. עס איז דער גייסט פון אַ פאָטער, אַ יידן אַ פּקח [קלוגער], וואָס זעט די שוואַכקייטן פון זיינע קינדער, וואָס פאַרשטייט די מאָטיוון פון זייער האַנדלונג, וואָס שמייכלט האַלב־גוטמוטיק, האַלב־טרויעריק איבער זייערע קינדערייען, וואָס טאָקט אַמאָל אָפּ אַ טייערן וויץ איבער זייערע שטותים [נאַרישקייטן], וואָס איז זיי אָבער מוחל אַלע נאַריש־קייטן און אַלע קרומע גענג, ווייל סוף כל סוף זיינען מיר דאָך מענטשן, קינדער פון איין מאַמע, פאַרבלאָנדזשעטע אין איין גרוי־סער טרויעריק־צערודערטער וועלט, און אין גרונט זיינען מיר דאָך אַלע גוטע און פריינטלעכע און וואַרעמע ברואים. אָט די מענטשלעכקייט פאַרוואַנדלט „דאָס גרויסע געווינס“ אין איין לאַנגן געוועב פון אָנגענעמע סצענעס, וואָס זעען זיך מיט הנאה. עס באַקומט זיך דער איינדרוק אַקוראַט ווי אַ פאַס פון אַ געוועב, אויסגעציירט מיט אוזאָרן און אויסגעשטריקט מיט איידל־שטיינער וואָלט זיך געצויגן פאַר די אויגן. אַ נייער אוזאָר, אַ נייע באַ־פּוצונג, אַ נייער קאָליר, און ס׳טוט אַלץ הנאה. טאָמער חזרט זיך איבער דאָס אַלטע, מאַכט אויך ניט אויס. ס׳איז דאָך אַזוי ווויל און טייער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פּיעסע איז דאָס שפּילן אַ סך וויכטיקער ווי אין זאַכן, וואָס פאַרכאַפּן מיט זייערע פאַבולאַ און מיט זייערע קאָנפליקטן. דער אינהאַלט טרעט דאָ אָפּ צום הינטער־גרונט. דער זשעסט, דאָס וואָרט, דער קנייטש, די אינטאָנאַציע פאַרנעמען דעם אויבן־אָן. דער קולטור־מענטש ווערט דאָ צוגע־צויגן דורך דעטאַלן און ס׳מוז געזאָגט ווערן, אַז די גאַנצע טרופּע פון שוואַרצס טעאַטער האָט געשפּילט אויסגעצייכנט און האָט אַריינגעטראָגן אין שפּיל אַ מאַסע קינסטלערישע פרטים. שוואַרץ האָט געגעבן אַ פאַרענדיקטן שימעלע סאַראָקער. מיט אַ געבוירענער איידלקייט אונטער [הינטער] דער קאָרע פון שניידערישע מאַניערן, מיט אַ שטרעבונג צום שענערן און בעסערן ווי נאָר ס׳איז אים געוואָרן פרייער אויף דער נשמה. שוואַרץ האָט אין צווייטן און אין דריטן אַקט גאַנץ פיין באַטאָנט ווי אַזוי שימעלע וואַקסט אין דער וואַרעמקייט פון דעם נייעם רייכטום, ווי אַזוי נייע מעגלעכקייטן עפענען זיך פאַר זיין נשמה און ווי ער הייבט זיך שוין אָן לאַנגווייליקן, ווייל ס׳איז ניט געבליבן אין זיין לעבן קיין שטאַרקער פאַרלאַנג און קיין נויטווענדיקייט צו קעמפן. שוואַרץ אין דער ראָלע פון שימעלע סאַראָקער איז אַ פיגור פול מיט אמת און מיט אייגנטימלעכן כאַראַקטער. שוואַרץ איז דאָ אויף דער הויך.

אַננאַ אַפּעל האָט געשפּילט עטי מענין מיט אַ סך טעמפּעראַ־מענט. קיין גרויסע ראָלע האָט זי ניט געהאַט, אָבער דאָס, וואָס דער אויטאָר האָט איר צוגעטיילט, האָט זי דורכגעפירט זייער גוט. ס׳האָט זיך באַשאַפן אַן אמתע פּעטי מעני. בערטאַ גערסטען אין דער ראָלע פון ביילקען איז געווען חנודיק און פאַרשיידנאַרטיק, נאַיִוו און קאָקעטיש, קינדעריש און פרויענהאַפט. זי האָט געגעבן אַ ווילע יידישע טאָכטער פון כתרילעווקע, און ס׳איז געווען אַ פאַרגניגן זי צו זען אויף דער בינע. מישאַ גערמאַן האָט געשפּילט דעם שניידער־יונג מאָטל זייער לעבעדיק און מיט אַ געפיל פון פאַרגניגן, וואָס האָט זיך מיטגעטיילט דעם עולם. ס׳האָט זיך באַקומען אַ ביסל אַ נאַרישעוואַטער, גוטמוטיקער, איבערגעגע־בענער „לאַפּאַצאַן“, וואָס הערט ניט אויף צו שמייכלען, מוני ווייזענפריינד האָט געמאַכט פון קאָפּלען אַן אינטערעסאַנטע, שיר ניט מיסטעריעזע פיגור. לויט דער פּיעסע האָט קאָפּל איבערהויפּט ווייניק וואָס צו טאָן און ווייניק וואָס צו ריידן, אָבער ווייזענפריינד האָט אַריינגעלייגט אין שפּיל אַזויפיל ניואַנסן. ער האָט אַזוי געלעבט יעדע סעקונדע פונם שפּילן, ער האָט ערפונדן אַזויפיל מעגלעכקייטן זיך אַרויסצווייזן אין קלייניקייטן. ער האָט געטראָגן מיט זיך אַזאַ טונקעלע, אומרויִקע, אָנגעלאָדענע אַטמאָספערע, אַז ער האָט אינטריגירט, צוגעצויגן, געוועקט סימפּאַטיע, און ווו ער האָט זיך באַוויזן, האָט מען אים ניט געקאָנט אַרויסלאָזן פונם אויג. אַלע איבעריקע אַקטיאָרן: יודל [יחיאל] גאָלדשמידט אין דער ראָ׳ע פון קאָלטון דעם „אופראָוולאַיושטשי“, מאַרק שווייד אין







דער ראָלע פון דעם שדכן סאָלאָווייטשיק, גרשון רובין אין דער ראָלע פון מענדל משרת, יצחק האָניגמאַן אין דער ראָלע פונם אַלטן בחור סאָלאָמאָן, בינע אַבראַמאָוויטש אין דער ראָלע פון פערל די מוטשניטשע (מעל־פאַרקויפערין), היימאַן מייזעל און פעני גאָלדבערג אין די ראָלעס פון סאָלאָמאָנס פעטער און מומע, אַלע האָבן בייגעטראָגן טאַלענט און טעמפּעראַמענט צו מאַכן די אויפפירונג אי קינסטלעריש, אי לעבעדיק, אי שטיפעריש. און דאָך... אונדז דאַכט זיך, אַז מ׳וואָלט די גאַנצע זאַך געקאָנט שפּילן אַנדערש. מ׳וואָלט געקאָנט אָנווענדן אַן אַנדער מעטאָדע. מ׳וואָלט די פאָרשטעלונג געקאָנט אויפהייבן אויף אַן אַנדערער, אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה. נאָר דאָס דאַרף באַהאַנדלט ווערן אין אַ באַזונדערן אַרטיקל“.

### אַ ווילנער שרייבט:

„איז דאָס „גרויסע געווינס“ פון שלום־עליכם (אין דער באַ־אַרבעטונג פון י. ד. בערקאָוויטש) בעסער פאַר גאָגאָלס „רעוויזאָר“ אָדער מאָליערס „דאָן זשואַן“? עס איז ניט קיין פראַגע פון בעסער אָדער ערגער. עס איז אַ פאַקט: אַז מען האָט געשפּילט אין שוואַר־צס טעאַטער „דאָן זשואַן“, איז אויף דער בינע געווען קאַלט ווי אין אַן אייזקעלער, און דאָס פובליקום, וואָס איז אין אָנהייב געווען נייגיריק, האָט באַלד אָנגעהויבן גענעצן. ביי „רעוויזאָר“ איז געווען פריילעכער אין זאַל ביי די צוזעער (און אויך אין קאַסע). אויף

דער בינע האָט דאָך געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. מען האָט געשפּילט, מען האָט עמיצן נאָכגעשפּילט. עס איז ניט געווען קיין לעבן, און עס איז ניט געווען קיין צוזאַמענלעבן צווישן די אַקטיאָרן און דעם עולם, וואָס איז געזעסן אין טעאַטער. די אַקטיאָרן האָבן — ווער בעסער, ווער ערגער „פאָרגעשטעלט". דער עולם האָט גע־קוקט. אַמאָל איז ער צופרידן געווען, האָט זיך צעלאַכט, אַפּלאָדירט, אָבער דער געלעכטער, די צופרידנקייט, די אַפּלאָדיסמענטן זיינען געקומען פון יעדן איינציקן פון די צוזעער באַזונדער, ניט פון אַלעמען אינאיינעם. עס איז ניט געווען יענע באַהעפטקייט, צונויפ־געגאָסנקייט, יענער קאָלעקטיווער גייסט, וואָס מאַכט פון טעאַטער — טעאַטער. ביי „דאָס גרויסע געווינס", וואָס ווערט איצט גע־שפּילט איז עס פאַראַן. פייערלעך ברענען אין די אויגן, שמייכלען שפּילן ביי אַלעמען אויף די האַלב־צעעפנטע ליפּן, און זיי גיסן זיך צונויף אינאיינעם נאָך איידער זיי דערגייען צו דער בינע. אַהין קומט שוין אָן אַ גאַנצער פלאַם פון קאָלעקטיווער באַגייס־טערונג.

און אויך אין דעם שפּילן איז דאָ עפּעס אַ גאַנצקייט; די וואַ־רעמקייט האָט עס צונויפגעשמאָלצן. מאָריס שוואַרץ האָט זיך ניט איבערגעטאָן אין אַ דאָן זשואַן, האָט זיך ניט פאַרשטעלט פאַר אַ רעוויזאָר. ער איז שימעלע סאָראָקער. די ווערטער אין מויל ביי אים זיינען ניט קיין איינגעחזרטע. די באַוועגונגען און אַלע תנועות זיינען ניט געמאַטערט. איך האָב קיינמאָל אין אַן איבערגעזעצטער פּיעסע ניט געזען שוואַרצן שפּילנדיק נאָך אַזוי נאַטירלעך ווי אין „דאָס גרויסע געווינס". און מוני ווייזענפריינד — דער, וואָס שפּילט ניט זיינע ראָלן, נאָר ער צייכנט, מאָלט אָדער קלעבט זיי אויס ווי אַ סקולפּטאָר זיינע סטאַטועס. דער, וואָס זיין מאַטע־ריאַל און אינסטרומענט איז זיין גאַנצער בויגעווודיקער, רעדעוודי־קער קערפּער, ניט נאָר איינציקע טיילן זיינע — מוני ווייזענפריינד האָט דאָ מער ווי אַלע מאָל געשאַפן אַ יש מאין [אַ זאַך פון גאָרניט], אַ הויפּט־ראָל פון אַ נעבן־ראָל, אַ קאָפּל פון אַ „קאָפּל לאַנד", אַ גאַנצע און אָפּרענדיקטע מענטשלעכע געשטאַלט, וואָס אַ פּסיכאָלאָג קאָן שרייבן וועגן איר אַן אינטערעסאַנטן טראַקטאַט, אַ דיכטער — אַ פּאָעמע און אַ שניצער קאָן זי אויסשניצן און עס וועט זיין אַ קונסט־ווערק. קאָפּל, דער שניידער־יונג, וואָס ביי שלום־עליכמן איז ער אין שאָטן, אַ „פינפטע ראָד צום וואָגן", איז דורך ווייזענפריינדן דורכגעליכטן געוואָרן און אויפגעהויבן אויף עפּעס אַ מין מדרגה אויף וועלכער עס געפינט זיך אַ למדוואָוניק ווען אליהו הנביא קומט מיט אים לערנען תורה ביינאַכט.

אָבער ניט נאָר שוואַרצס און ווייזענפריינדס ראָלן. די גאַנצע זאַך ווערט געשפּילט פריש, אַזוי פריש, אַז אַפילו דער דריטער אַקט, וואָס איז קינסטלעך און מעלאָדראַמאַטיש, און אַפילו סאָלאָ־מאָן פיין (יצחק האָניגמאַן) און קאַלטון (יחיאל גאָלדשמידט), וואָס זיינען ביידע שוין צופיל קאַריקאַטוריסטיש, שטערן נאָר, אָבער צעשטערן ניט דעם איינדרוק. פון וואַנען נעמט זיך די פרישקייט, די לעבעדיקייט אינם שפּילן? ניט אַזוי פון דער דראַמאַטישער קינסטלערישקייט ווי פון דער היימישקייט און פאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז דאָ אין שלום־עליכמס שרייבן. שוין די שפּראַך אַליין מיט די אַלע עכט־יידישע ווערטלעך און איינפאַלן רופט אַרויס ביי אַלעמען גלייכע ערינערונגען, גלייכע אַסאָסיאַציעס, און לאָזט דורכלויפן דורכן טעאַטער אַ שטילע, אַלטע, וואַרעמע נשמה־פאַליע, וואָס פאַרייניקט אַלעמען. אַ דאַנק דעם נאַטירלעכן, אָרגאַ־נישן געוועב פון דער שפּראַך און די געשפּרעכן, זעט מען פאַר



זיך אַ סביבה, אַ וועלט אַ גאַנצע, ניט קיין איינציקע פּערזאָנען. אין יעדער פּערזאָן פילט מען אַ פאָרשטייער פון דעם קאָלעקטיוו צו וועלכן מען געהערט אָדער מען האָט געהערט אַליין. דאָס שאַפט די שותּפותדיקייט, די צונויפגעגאָסנקייט...

דאַרף אָט־די אַלטע סביבה־לופט, די היימישקייט, זיין דער אידעאַל פון יידישן טעאַטער? אָ, ניין, פאַרקערט, דער יידישער טעאַטער מוז זוכן אויסצושפּרייטן דעם קרייז פון זיינע אינטערעסן, ניט בלייבן איינגעשפּאַרט אין די פיר איילן פון דעם אַלטן יידישן לעבן און אויסלערנען זיך שפּילן מאָדערנע זאַכן סיי פון יידישן, סיי פון ניט־יידישן לעבן. דאָס איז קלאָר, עס איז אָבער אויך קלאָר, אַז דער יידישער טעאַטער און אויך דער קונסט־טעאַטער האָט זיך ניט איינגעלעבט נאָך מיט נייע און פרעמדע זאַכן אַזוי גוט, ווי עס האָט זיך איינגעוועבט אין דעם לעבנס־שטייגער פון אַמאָל, און ווען איך זאָג „דער יידישער טעאַטער" מיין איך אי דעם דראַמאַטיקער, אי די רעזשי, אי די אַקטיאָרן, אי דאָס פּוב־ליקום אַליין. זיי אַלע זיינען דערווייל נאָך בעסער צוגעגרייט צו היימישע זאַכן. אַפילו ריין קינסטלערישע טעאַטראַלישע איינדרוקן איז זיי לייכטער צו שאַפן און אויפצונעמען ווען עס קומט זיי צו הילף יענע פאָרם פון אַלטן איינגעשטעלטן סביבה־לעבן, וואָס האָט אין זיך אַליין עפּעס גאַנצעס, קאָלעקטיוועס און סוגעסטי־רנ־דיקעס. והיוצא מדברינו [די קאָנסעקווענץ]: מען דאַרף געוויס זיך לערנען שפּילן נייע זאַכן. פון צייט צו צייט איז נוצלעך צו מאַכן אַן עקסקורסיע אין דער פרעמד־שפּראַכיקער דראַמע, שליפן די צונג זי זאָל זיך צוגעוווינען ריידן אַנדערש ווי מען רעדט געוויינטלעך אויף יידיש, צייגן דעם יידישן עולם אַנדערע קליי־דער, אַנדערע פאַרבן, אַן אַנדער וועלט, אָבער אין דער היים איז דער יידישער טעאַטער דערווייל ווען ער שפּילט עפּעס היימישעס. דאָס לערנט אונדז דער פאַרגלייך צווישן „דאָן זשואַן" אָדער „רעוויזאָר" פון איין זייט, און „דאָס גרויסע געווינס" פון דער אַנדער זייט".

### דער לעבעדיקער שרייבט:

„ענדלעך בין איך ווידער אינדערהיים, אין כתרילעווקע, אין שלום־עליכמס כתרילעווקע, די רעאַליסטישע און אויסגעשלומ־עליכמטע צוזאַמען. כ'בין צוריק אין דער אַלטער היים, און איך פיל זיך זייער גוט מיט די כתרילעווקער. זיי זיינען אַלע אַזעלכע גוטמוטיק־היימישע, כמעט גאָר קיין מענטשן נישט, נאָר אידעאַלן אויף פּיס. איך האָב זיי ליב, דידאָזיקע שלום־עליכם־העלדן, מיט אַלע זייערע קליינע השגות, פּיציניוצענקע קאַמפּעלעך, אינטריגע־לעך און ליבעס... גיי, האָב נישט ליב דעם שניידער בן שניידער, שימעלע סאָראָקער! אַז דו ווילסט, איז ער גאָר קיין שניידער נישט, נאָר איינער פון די שיינע יידישע בעלי־חלומות, אַ פאַנ־טאַסט פון כתרילעווקע, אַ מענטש מיט אַ הויכער מאָראַלישקייט, אַ נאָענטער קרוב צו יוזעפל דעם רב און אַ גאָר נאָענטער צו דעם מלמד פון „ווען איך בין ראָטשילד". און אַז דו ווילסט, איז „ער" גאָר אַ סאָציאַליסט, וואָס ווייסט נישט וואָס סאָציאַליזם איז.... שימעלע סאָראָקער שטרעבט צו רייכקייט — אָבער עיקר נישט פאַר זיך. אמת, ער האָט ליב געבראָטענע קאַטשקעס, אָבער נאָך מער פון זיי האָט ער ליב טאָן גוטס. ער איז אַ מענטש פון גרויסן יושר־געפיל, דער שימעלע סאָראָקער, כמעט אַ מלאך...

און ווען די קאָמעדיע וואָלט געשריבן געוואָרן פון אַ שונד־פאַרטאַטש, וואָלט אַזאַ העלד געווען דער געוויינלעכער שונדישער

מלאך־מענטש אויף דער בינע, דער „כולו־טוב“־העלד, מיט שונדי־
שער גוטסקייט. אָבער ביי שלום־עליכמען ווערט ער אַ לעבעדיקער
מענטש, מיט אַ נשמה פון אַ מענטשן. איר מוזט גלייבן שלום־
עליכמען אַפילו ווען איר פילט, אַז עס איז נישט גאָר ערדיש...
איבערהויפּט איז „דאָס גרויסע געווינס“, ווי אַלץ, וואָס איז שלום־
עליכמדיק, נישט שטאַרק צוגעבונדן צו ערד, צו אַ סביבה. עס
איז מער צוגעבונדן צו שלום־עליכמען. שלום־עליכם האָט זיך
זיין אייגענע סביבה און ווירקלעכקייט מיט וועלכער ער באַווירק־
לעכט זיינע העלדן. און אַז מען וויל, איז „דאָס גרויסע געווינס“
גאָר אפשר אינגאַנצן אַ פאַרס. אמתע קאָמעדיע איז עס נאָך נישט.
אָבער אַפילו אויב עס איז אַזוי, איז דאָס יידישער פאַרס, מיט
יידישן חן און יידישן מיין און דערצו ריין... „דאָס גרויסע געווינס“
איז אַזוי ריין און ציכטיק, אַז מען פאַרגעסט גאָר, אַז מען איז
אין יידישן טעאַטער... הלוואי וואָלט ביי אונדז געווען אַ סך פון
דעם סאָרט שלום־עליכמדיקן יידישן פאַרס, מיט דעם גוטן יידישן
לשון און מיט דעם שיינעם ריינעם וויץ. יאָ, אויך ביי „דאָס גרויסע
געווינס“ לאַכט זיך, אָבער ס'איז גאָר אַן אַנדער מין געלעכטער.
ער קומט פון האַרצן און נישט פון בויך און נישט פון נאָך נידע־
ריקער... עס איז אַ געלעכטער, וועלכן מען דאַרף זיך נישט שעמען
מיטנעמען מיט זיך אַהיים, אַרויסגייענדיק פון טעאַטער. עס איז
נישט „חיה־ציפּעדיק“ און אַפילו נישט „ווײַן־געזאַנג־טאַנצנדיק“...
און ווייסט איר נאָך וואָס עס איז מיר איינגעפאַלן? „דאָס גרויסע
געווינס“ האָט די ניו־יאָרקער יידישע „קהילה“ (אויב עס איז נאָך
דאָ אַזאַ זאַך) געמעגט נעמען אַלס אַ מוסטער אָדער מוסר־פאָר־
שטעלונג פאַר אַלע יידישע אָלרייטניקעס: פון בראָנקס פּאַרק ביז
ריווערסייד דרייוו, פון וואַשינגטאָן־הייטס ביז בראָנזוויל. זאָלן זיי
זען, אונדזערע אָלרייטניקעס, ווי אַזוי אַ ייד דאַרף זיך אויפפירן
נאָכדעם ווי ער אַרבעט זיך אַרויף... און אפשר וואָלטן עס באַדאַרפט
טאָן נישט די „קהילה“, נאָר אויך די „יידישע צדקות“, מיט דעם
„קרן־היסוד“ בשותפות. ווען אונדזערע אָלרייטניקעס וואָלטן געזען
ווי פיין און לייכט און אַריסטאָקראַטיש שימעלע, דער שניידער בן
שניידער, טיילט עס פינף און צוואַנציק־דאָלאַרדיקע, וואָלטן זיי
זיך אפשר אַראָפּגענומען אַ מוסר. און אויך אונדזערע נייע לענד־
לאָרדס (די סאָציאַליסטישע אַריינגערעכנט) וואָלטן געדאַרפט
קומען זען מאָריס שוואַרץ אַלס לענדלאָרד, ווי שיין ער פּלאַנע־
וועט עס בויען הייזער און לאָזן אָרעמעלייט וווינען אין זיי פריי,
אָן געלט! מיט איין וואָרט: „דאָס גרויסע געווינס“ איז די יידישסטע
פּיעסע אונדזערע, אַזוי, אַז אַפילו רבנים, נישט נאָר יידישע קרי־
טיקער, האָבן אויף איר געקאָנט געבן אַ „הכשר“...

איך בין געזעסן אין טעאַטער און זיך געריבן די אויגן. אפשר
איז דאָס גאָר אינגאַנצן אַ חלום... יאָ, אַ חלום, נישט קיין לעבנס־
זאַך, ווייל אין לעבן פּאַסירט עס מן הסתם נישט אַזוי. אָבער וואָס
איז די נפקא מינה? זאָל זיין, אַז די מעשה מיטן „גרויסן געווינס“
איז נישט אַזוי רעאַליסטיש. און זאָל זיין, אַז אַזאַ שניידער וואָלט
ביי אַזעלכע אומשטאַנדן נישט געהאַנדלט פונקט אַזוי ווי ער
האַנדלט אין שלום־עליכמס קאָמעדיע; זאָל אויך זיין, אַז אַ שניי־
דערס אַ טאָכטער פירט זיך נישט אויף אַזוי אין לעבן. אָבער, ווי
געזאָגט, וואָס איז די נפקא מינה? אפשר איז עס טאַקע נישט מער
ווי אַ חלום אָט די גאַנצע מעשה? אַ שיינער חלום פון אַ כתרילעווו־
קער שניידער, אַ ייד אַ בעל־חלומות, וועלכער איז פאַרליבט אין
„עמך“, אין שער און אייזן. און, זיצנדיק ביי דער אַרבעט, חלומט





ער עס דאָרט.... מעגלעך, אַז ס'איז אַזוי. און דערהויפּט פילט איר
עס אין לעצטן אַקט, ווען דער חלום פון „גרויסן געווינס“ ווערט
צערונען, ווען דער „אומגליק“ איז פאַריבער, און שימעלע סאָראָ־
קער קערט זיך אום צו זיין אָרעמען וואַרשטאַט צוריק. קיין פאַר־
ביטערונג, קיין טראַגעדיע. פונקט ווי עס וואָלט בלויז אויף אַ
ווײַלע אָפּגעטראָטן פון דאַנען, נישט מער. הכלל, איך בין געווען
צוריק אינדערהיים און מיר דוכט, אַז אויך שוואַרץ האָט זיך
ענדלעך דערפילט אינדערהיים. מיטן אָנטאַפּן דאָס בערדל, האָט
ער אָנגעטאַפּט באָדן אונטער זיינע פיס... שלום־עליכמס קאָמעדיע
שפּילט זיך אַ סך בעסער אין „קונסט־טעאַטער“ אַפילו ווי גאַגאָלס
„רעוויזאָר“. אמת, מאָריס שוואַרצן צוזאַמען מיט מיר האָבן אפשר
דערעסן די באַבאָרדעטע בינע־יידן, עס ווילט זיך אַמאָל באַפרייען
פון דער באָרד. אָבער איך זאָג, אַז שלום־עליכמס יידן מיט בערד
זיינען מער אידעאַלן ווי בערד, און זיי קאָן מען שפּילן און זען
אייביק...“.

### י. ענטין שרייבט:

...די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט אין דער יידישער טעאַטער־
וועלט געהערשט אַ שווערער טרויער און די דאָזיקע מרה שחורה
דאַרף בפירוש פאַרשריבן ווערן אויפן חשבון ניט פון פאָלק, ניט
פון די מאַסן, נאָר פון דער אינטעליגענץ, סיי די אמתע און סיי
די כלומרשטע פון דער פּרעסע, פון אונדזער אידעאַליסטישן
(סיי אמתן און סיי געמאַכטן) עולם. ס'איז דורכגעפאַלן שלום
עליכמס קאָמעדיע „דאָס גרויסע געווינס“, דורכגעפאַלן מאוס.
מען איז עס שוואַך געגאַנגען זען לכתחילה, דערנאָך איז די צאָל
באַזוכער נאָך קלענער געוואָרן, דערנאָך — אַז עס זיינען אָנגעקו־
מען די „מאָסקווער“ [דאָס רוסישע טעאַטער] — האָט מען עס
גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט זען.

פון אַלע שלום־עליכמס פיר פּיעסן („טוביה דער מילכיקער“,
„שווער צו זיין אַ ייד“, „צעזייט און צעשפּרייט“ און „דאָס גרויסע
געווינס“) איז די לעצטע, אין מער ווי אין איין הינזיכט, געווען
די אינטערעסאַנטסטע. „דאָס גרויסע געווינס“ איז אַ סך ליטעראַ־
רישער און סצענישער פון „טוביה“, און גאָרניט ווייניק הומאָריס־
טישער פון „שווער צו זיין אַ ייד“, וואָרעם בשעת אין „טוביה“
האָבן מיר נאָר איין ווירקלעך גוט געצייכנטן מענטשן, טוביה
אַליין, האָבן מיר אין דער איצטיקער פּיעסע גאַנצע פיר אָדער
פינף אַזעלכע, און ווען דער הומאָר אין „שווער צו זיין אַ ייד“
איז געווען בלויז אַ הומאָר פון אַ קאָמישער סיטואַציע, האָבן
מיר אין „דאָס גרויסע געווינס“, אַלס צוגאָב צו דעם הומאָר
פון דער סיטואַציע (מאָטלס און קאָפּלס שותפותדיקער ליבע צו
ביילקע און שימעלעס לערנען זיך שפּילן די ראָלע פון אַ גביר)
נאָך אויך דעם הומאָר פון דער העכסטער מדרגה, דעם הומאָר פון
כאַראַקטער, פון אַזעלכע לעבעדיקע, אינטערעסאַנטע און אָריגי־
נעלע מענטשן ווי שימעלע סאָראָקער, פערעלע די מעטניצקע
וכדומה.

ס'איז אַ פּיעסע מיט לעבעדיקע יידישע מענטשן, רייך אין
הומאָר און איבערפלייצנד רייך מיט הומאָרס לייבלעכן שוועס־
טער־קינד — וויץ, וועלכער שפּריצט ווי פון אַ פאָנטאַן פון
כמעט אַלעמען און אַלץ. עס איז אַ פּיעסע מיט אַ פאָר אמת־
האַרציקע, אמת־רירנדע, מיט אמתן פּאַטאָס אָטעמדע, דראַמאַטישע
סיטואַציעס און צו דעם אַלעם אַזאַ וואַרעמע, אַזאַ היימישע אַט־
מאָספערע, אַזאַ פיינע יידישע אידיליע, אַזעלכע געזונט־מענטש־

לעכע און געזונט־יידישע באַציונגען. אַלץ איז געווען איינגעוויקלט אין אַזאַ ליבער היימישקייט.

און וואָס איז דער וווּנדער, וואָס די פּיעסע איז אַזוי פּראַכטפול, אַזוי מוסטערהאַפט געשפּילט געוואָרן? וואָס פון דעם ערשטן ביז דעם לעצטן האָט יעדער דורכגעפירט זיין ראָלע בשלמות, און פאַקטיש אויף קיינעם האָט זיך קיין קאָנטיקער פעלער ניט אָנגעזען און פון קיין איינעם האָט קיין גרילצנד פאַלשער טאָן ניט אַרויסגעשריען?

עס איז געווען אַן אויפפירונג, וואָס האָט „געקלאַפּט" און „געזונגען", אַ פולקומענע גרינטלעכע און אינטעליגענטע רעזשי, כאָטש זי איז געקומען פון מאָריס שוואַרצן אַליין, אָן פרעמדער, אימפּאָרטירטער הילף, ווו יעדע זאַך איז געווען אויף איר אָרט און איינס האָט אַזוי האַרמאָנירט מיטן צווייטן און דאָס גאַנצע שפּילן איז געווען פון איין גוס און יעדן איינעמס האַלטונג איז געווען פון איין נוסח מיט דער האַלטונג פון דעם צווייטן. האָט טאַקע אין טעאַטער געפינקלט אַזאַ היימיש־גאַנצער חן, האָט דאָרט געאָטעמט מיט אַזאַ וואַרעמקייט, האָט זיך געצויגן אַ בריק פון שטראַלנדיקער סימפּאַטיע פון דער בינע צום עולם און פון עולם צוריק צו די אַקטיאָרן".

### ענטין גייט איבער צו די סבות פון דער פּיעסעס דורכפאַל:

„דאָך די פּרעסע ניט נאָר האָט זי פאַר „דאָס גרויסע געווינס" ניט אַגיטירט. זי האָט זי אַפילו געהעריק ניט אָפּגעשאַצט. די אַזוי־גערופענע אינטעליגענץ האָט זיך מיט איר ניט פּאַרינטערעסירט. צום גרויסן עולם האָבן פון דער פּיעסע דערגרייכט בלויז שוואַכע קלאַנגען, און זי איז געווען אַ מפּיל.

עס איז דאָ אַ מיינונג אין טעאַטער־קרייזן אַז „דאָס גרויסע געווינס" איז דערפאַר ווייניק געזעען געוואָרן, ווייל דער קונסט־טעאַטער איז ווייט פון יידישן צענטער. איז דאָס אַ מיינונג, וואָס איז געבויט אויף אַבערגלויבן, וואָס שטאַמט פון פאַרצווייפלונג. דאָס קונסט־טעאַטער גיט ליטעראַרישע, ד. ה. שטילערע פּיעסן. דאָס איז די איינציקע סיבה פון שוואַכן באַזוך. ווען אונדזער פּרעסע וואָלט היינט אַזוי אויפריכטיק און ענטוזיאַסטיש געדינט דער בעסערער יידישער בינע ווי זי האָט עס געטאָן אַמאָל אין גאָרדינס בליונגס־יאָרן, וואָלט זי דעם גרויסן עולם צו אים ווידער געקאָנט צוגעווינען.

אַלס ביישפּיל פון דער נאַכלעסיקער האַלטונג פון אונדזער פּרעסע קאָן אויך דינען דער אופן ווי אירע רעצענזענטן האָבן זיך באַצויגן צו י. ד. בערקאָוויטש, וועלכן זיי האָבן דערמאָנט בלויז בדרך אַגב, אַלס דער, וואָס האָט צום „גרויסן געווינס" מער־ווייניקער אַ האַנט צוגעלייגט. אין אמתן האָט ער טאַקע, י. ד. בערקאָוויטש, אייגנטלעך די פּיעסע אַזוי כמעט ליטעראַריש און אָפּט אַזוי סצעניש געמאַכט. ער האָט עס פון דער פּיעסע, ווי זי איז געווען געדרוקט אין דער „צוקונפט", 1916, אַזויפיל „וואַסער" אַרויסגעקוועטשט. (אַ היבש ביסל פון דריטן אַקט און דעם גאַנצן פערטן אַקט). אַזוי האָט ער, למשל, שלום־עליכמס בלויז אָנגעצייכנטע פאַרשוין, פּערעלע די מיטניצע, אַזוי זאַפטיק, פריש און לעבעדיק דערענדיקט און דורכגעפירט דורך דער גאַנצער פּיעסע. כאָטש, פון דער אַנדערער זייט, דאַרפן אויף בערקאָוויטשעס חשבון אויך פאַרשריבן ווערן אַ פּאָר שוואַכקייטן פון דער פּיעסע, ווי, למשל, דאָס פראַווען איבערגוואַלד מיט זיינע פיינס און קאַלטונס און טשאַסטני קאָמערטשעסקי באַנק אין דאָס גרויסע



געווינס, וואָס פאַרלויפט זיך שוין ווייט ניט אין אַלטן יידישן שטעטל, נאָר אַלץ פלעכטן די לעגענדע פון שלום־עליכמס ניט־געטשעפּעטער כתרילעווקע, און די מעשה מיט שימעלע סאָראָקערס וועלן אָפּקויפן די הייזער פון שטאָט כדי צו קאָנען גוטס טאָן מיט זיינע צוקונפטיקע אָרעמע שכנים, וואָס איז זיך אַ שיינע און ליבע אוטאָפּיע, אָבער וואָס אין דער סביבה פון „דאָס גרויסע געווינס" קלינגט ווי צוגעטשעפּעט, צוגעטראַכט און פאַלש".

### און ביי אַן אַנדער געלעגנהייט קערט זיך ענטין צוריק צום פּראָבלעם פון דעם ניט־דערפאָלג פון דער פּיעסע:

„דער קנאַפּער ערפאָלג פון „דאָס גרויסע געווינס" איז ניט נאָר אַן אַנטוישונג, נאָר לאָזט ממש איבער ביטערע געפילן [און אָנווייזנדיק, אַז די פּרעסע האָט ניט אַגיטירט פאַר דער פּיעסע] אָט דאָס לעצטע ווייעט אָן ניט נאָר טרויעריקע, נאָר אויך ביטערע כאָטש קאַרגלעך אין סיטואַציעס, איז זי דאָך געווען רירנד מיט איר ערלעכן פּאַטאָס, דערפרייענד מיט איר איבערפלייצנד־רייכן הומאָר און וויץ. איז זי דאָך געווען (אין בערקאָוויטשס גוטער רעדאַקציע) אַזוי דורכויס ליטעראַריש; איז זי דאָך כמעט פון יעדן באַזונדער, און פון אַלעמען צוזאַמען, אַזוי גאָר גוט געשפּילט געוואָרן, האָט דאָך פון איר געאָטעמט מיט אַזאַ וואַרעמערקוויקנדע היימישקייט. היינט פאַרוואָס איז דער עולם די פּיעסע ניט געקומען זען? דאָס לאָזט זיך, צום גרעסטן טייל, הגם ניט אין גאַנצן, ערקלערן דערמיט וואָס אונדזער טעאַטער־קריטיק, לכל הפּחות די דאָזיקע, וואָס דערגרייכט צו די גאָר גרויסע מאַסן, נאָר טרויעריקע נאָר אויך ביטערע און פינסטערע מחשבות. זיכער, פאַר איר ניט אַגיטירט. און אָט דאָס לעצטע ווייעט אָן ניט האָט די פּיעסע ניט אָפּגעשאַצט ווי געהעריק איז, און האָט, גאַנץ אַהער און ניט ווייטער. ער האָט אפשר געהאַט אויך דעם גליק צו זיין מער קינסטלער ווי מאַרק טווין. דאָס הייסט, צו זען טיפער דעם סימבאָליזם פונם לעבן, און דווקא אין דער פּשוטסטער פאָרם, דווקא דאָרט ווו עס פאַלט קיינעם ניט איין צו זוכן טיפערע אידעען און גרויסע סימבאָלן, עס איז ניט קיין גרויסע קונסט צו מאַכן חוזק — לאָמיר זאָגן — פון דער היינטיקער ציוויליזאַציע און פון דער סענטימענטאַלער באַציונג צו דעם „אַמאָל", ווי מאַרק טווין האָט עס געטאָן אין זיין „קאָנעטיקוט יענקי אין קעניג אַרטורס הויף". עס איז צו קלאָר, צו בולט, און דערפאַר בדחניש. עס איז ניט קיין גרויסע קונץ אָפּצושפּעטן פון דער וועלט־געשיכטע און אויסמאָלן זי אין אַ פאַראָדיעשער פאָרם, אין אַ קרומען שפּיגל ווי בערנאַרד שאָו טוט עס. עס איז אַ מאַנגל אין פאַנטאַזיע. אָבער עס איז אַ גרויסע קונסט ווען עזאָפּ אָדער לאַפאָנטען אָדער דער „זיידע" קרילאָוו האַלטן האַרבן דין איבער דער גאַנצער וועלט אין דער פאָרם פון קינדער־משלים, פון מעשהלעך איבער עופות און חיות. און עס איז אַ גרויסע קונסט ווען דיקענס אָדער טשעכאָוו גיבן אונדז דעם שליסל צו די וועלט־פּראָבלעמען אין זייערע אומפּרעטענציעזע געשיכטן פון פּראָסטע מענטשן, פון שניידערס, שוסטערס, בעלי עגלות. זיי טוען אויס דעם מענטשן אַזוי ווייט ווי עס לאָזט זיך פון זיינע שבת־בגדים, ווייזן אים ווי ער איז. און מיר דאַכט זיך, אַז אין איין קליינער מעשהלע פון טשעכאָוו איז דאָ מער סימבאָליק, טיפערע אידעען ווי אין דאָסטאָיעווסקיס הימל־שפּאַלטנדע, שטורעמדיקע, היסטערישע ראָמאַנען.